בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קמ"ט

יו"ל: ב' שבט ה'תשפ"ה לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**׳אם יש דין למטה׳**

**זיך אוועקגעלייגט אינגאנצן**

**געקאכט ווי א לאָקאָמאָטיוו!**

**אוועקגעגעבן דאס ברעטל**

**זאג אים נישט קיין עצות**

**מיטגענומען בעטגעוואנט**

**התמסרותו של ר׳ נחמן טולטשינער למוהרנ״ת**

**דו קערסט קיין ארץ ישראל**

**פול מיט פחד ה׳!**

**א מלאכה צו אַראָפּוואַרפן?!**

**אויף מיר וואלט איר געקריגט?**

**א פארצייטישער רבי...**

**מיט הענטשיקעס אויף די הענט**

**התקרבותו של ר׳ פנחס קיבליטשער ז״ל**

**דעם רבי׳נס סוחרים!**

**״אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר״**

**זיך אוועקגעבן א-י-נ-ג-א-נ-צ-ן!**

**אים וועט מען פאלגן!**

**וואס ביסטו אזוי אפגעלאזט?**


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443**
**(ארה״ק: 072-257-3456)**



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו
כן כדי לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של 30$ יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

**ניתן להאזין לכל השיחות שי״ל על ידינו:**
**בקו ׳מערכת ברסלב׳**
**ארה״ק: 02.560.7387**
**ארה״ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור המצו״ב**
**יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח״כ #149**

בס"ד

שיחת חיזוק

# פרשת אחרי-קדושים

שנת תשל"ז

(טייפ מס' 239#)

## 'אם יש דין למטה'

אז א מענטש טוהט א מצוה - זאגט דער זוהר הקדוש[א] - די מצוה אליין קומט צום אויבערשטן - 'איך בין פון דעם מענטש - ער האט מיך געטוהן!'. זאגט דער זוהר, אז די מצוה איז א מצוה ווי עס דארף זיין, שטייט זי אליין פארן אויבערשטן און ער קוקט כסדר אויף דער מצוה און די מצוה היט אפ דעם מענטשן פון אלעם שלעכטס.

און אז חלילה פארקערט, אז ער האט געטוהן א זאך וואס ער איז פוגם, קומט די זאך אליין און זאגט - 'איך בין פון דעם מענטשן - ער האט מיך אזוי געטוהן'[ב], און דאס שטייט אויך לעבן, און עס ווערט אויף אים נתעורר דינים רח"ל - סיידן ער טוהט תשובה.

א מענטש אז ער טוהט עפעס א זאך - אט שטייט 'זי' למעלה!

אט דאס איז טאקע די עצה פון דעם רבי'ן, דעם רבי'נס עצה איז למעלה זייער חשוב; אז דער מענטש וויינט זיך אוים פארן אויבערשטן איז דאך ממש - שטייט דאך דער אויבערשטער - 'קוק אָן די רייד!' און ער איז מחבב די דיבורים – 'אָה, ער רעדט דאך פאר מיר, ער קלאגט דאך פאר מיר, ער וויינט פאר מיר!' - עס האט דאך אזא מין חשיבות ביים אויבערשטן דאס דאזיגע.

---

[א] במדבר דף קיח.

[ב] עיין תומר דבורה פ"א עפ"י המשנה באבות פ"ד מי"א.

דאס לשון אין זוהר איז: 'דער אויבערשטער שטייט און קוקט כסדר אויף דער זאך וואס איז פון 'דעם' און 'דעם'!'.

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[ג]: "פארוואס לאזט איר דעם אויבערשטן גוזר זיין גזירות?!". אז א מענטש רעדט זיך אוים פאר ה' יתברך, איז דער אויבערשטער 'פונה מכל עסקיו' און ער הערט זיך איין וואס ער רעדט, ווערן בטל די גזירות! - אזעלכע דיבורים רעדט דער רבי.

❖ ❖ ❖

## זיך אוועקגעלייגט אינגאנצן

דער טשעהרינער רב - א שר התורה - א גאון עולם - ווען ער פלעגט קומען קיין אומאן האט ער געוואלט הערן ר' נחמן'ען (טולטשינער). ר' נחמן האט אבער נישט געוואלט רעדן פאר אים. האט ער זיך פארבאהאלטן אז ר' נחמן זאל אים נישט זעהן, ער זאל קענען הערן.

(פעם אחת אמר לו הרב מטשעהרין:) **"ר' נחמן, אז איך הער פון אייך א וואָרט - דאס איז מיר א פירוש אויף דעם רבי'נס ספר!"**.

'ווען איך הער פון אייך א ווארט פון רבי נתן'ען וואס ער האט געזאגט, ווי אזוי ער האט זיך געבויגן, דאס איז מיר א פירוש אויף דעם רבי'נס ספר'.

- רבי נתן האט געוואלט אז ר' אפרים (בן ר' נפתלי, מגדולי תלמידיו) זאל אויך אזוי זיין - זיך אוועקלייגן אינגאנצן, אוועקלייגן זיך אינגאנצן אין דעם רבי'נס זאך.

---

[ג] שיחות הר"ן אות ע': עָנָה וְאָמַר: **הֲיִתָּכֵן שֶׁאָנוּ מַנִּיחִין אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְיַחֲשֹׁב לִגְזֹר גְּזֵרוֹת בָּעוֹלָם?** (כִּי אָז בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן נִשְׁמַע שֶׁיּוֹצְאִין גְּזֵרוֹת עַל יִשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם). כִּי אָנוּ צְרִיכִין לִקְרוֹת אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵעֲסָקָיו שֶׁהוּא עוֹסֵק בָּהֶם בְּאֵיזֶה גְּזֵרָה וְכַיּוֹצֵא חַס וְשָׁלוֹם, לִקְרוֹת אוֹתוֹ מִשָּׁם שֶׁיַּשְׁלִיךְ זֹאת וְיִפְנֶה אֵלֵינוּ לְמַה שֶּׁאָנוּ רוֹצִים לְדַבֵּר עִמּוֹ לְבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ שֶׁיְּקָרֵב אוֹתָנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. כִּי כְּשֶׁאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל רוֹצֶה לְדַבֵּר עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַשְׁלִיךְ כָּל עִנְיָנָיו וְכָל הַגְּזֵרוֹת שֶׁרוֹצֶה לִגְזֹר חַס וְשָׁלוֹם, וְכָל הָעֲסָקִים שֶׁלּוֹ שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ עוֹסֵק בָּהֶם כִּבְיָכוֹל, וְהוּא מַשְׁלִיךְ הַכֹּל וּפוֹנֶה עַצְמוֹ רַק לְזֶה הָאִישׁ שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּר עִמּוֹ וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו לְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ שֶׁיַּעַזְרֵהוּ לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט טאקע א קוק געגעבן, דער אויבערשטער האט אים געהאלפן אז נאך פון קליינערהייט האט ער געזעהן אז פאר דעם רבי'נס זאך מוז מען זיך אוועקלייגן אינגאנצן!

צענדליגער יארן איז ער א גאנצע וואך געווען אין פעלד. מען ווייסט נישט וואו ער איז געווען, מיר רעכענען אז ער איז געווען אין דעם גרעקעווער וועלדל - אבער מען ווייסט נישט.

אז א מענטש גייט אוועק אזוי פיל יארן און ער נישטערט נאר אין דער זאך, פארשטייט מען אז ער איז זוכה צו 'עפעס', ליגט טאקע ביי אים דעם רבי'נס זאך אין יעדעס ביין, אין יעדעס איבר.

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט גערעדט אמאל וועגן דעם וואס דער רבי זאגט אז מען דארף גיין מיט א תורה[ד]. ער איז דאך געווען זייער א 'שפל ברך', ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין גרויסקייטן. אמאל האט ער א זאג געגעבן א וואָרט: "ברוך ה', איך בין איבערגעגאנגען דעם ליקוטי מוהר"ן!".

דו ווייסט וואס הייסט 'גיין מיט א תורה'? ער האט געקענט גיין מיט א תורה - - מיט דער תורה פון "ויהי נא פי שנים ברוחך" - תורה ס"ו - איז ער געגאנגען א האלב יאר! ער איז געגאנגען א האלב יאר מיט דער תורה.

דו ווייסט וואס דאס הייסט גיין א האלב יאר מיט א תורה? דאס איז פשט, א גאנצע צייט איז נאר די תורה, וואס ער עסט, וואס ער שלאפט, וואס ער גייט און ער דאוונט, ליגט נאר די תורה.

אז מען גייט איבער דעם ליקוטי מוהר"ן, ליגט דאס דארטן אינגאנצן אין אלע ביינער, אין אלע אדערן ליגט עס אינגאנצן[ה].

---

[ד] עיין שיחות הר"ן אות רצ"ז: דִּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים **שֶׁרְצוֹנוֹ חָזָק מְאֹד שֶׁנֵּלֵךְ עִם הַתּוֹרוֹת שֶׁגִּלָּה**. דְּהַיְנוּ לֵילֵךְ תְּחִלָּה אֵיזֶה זְמַן עִם תּוֹרָה פְּלוֹנִית בְּעֵרֶךְ ב' אוֹ ג' חֳדָשִׁים, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיוּ **כָּל עֲבוֹדָתוֹ וְהִלּוּכוֹ** בְּיִרְאַת ה' עַל פִּי הַנֶּאֱמַר בְּאוֹתָהּ הַתּוֹרָה, **וְכָל תְּפִלָּתוֹ וְשִׂיחָתוֹ** יִהְיֶה לִזְכּוֹת לְהַגִּיעַ לְמַה שֶּׁנֶּאֱמַר בְּאוֹתָהּ הַתּוֹרָה, וְכֵן יִתְנַהֵג אֵיזֶה זְמַן. וְאַחַר כָּךְ יֵלֵךְ אֵיזֶה זְמַן עִםתּוֹרָה אַחֶרֶת, וְכֵן אַחַר כָּךְ, עַד שֶׁיִּגְמֹר לֵילֵךְ עִם כָּל הַתּוֹרוֹת. וְדִבֵּר כַּמָּה פְּעָמִים מִזֶּה. **אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאחֵז בָּזֶה.**

[ה] עיין שיש"ק (ישן) ח"ב, תקע"ב: סִפְּרוּ לְמוֹהַרְנַ"תְּ שֶׁרַבִּי גְּדַלְיָה וֶולְוֶול לוֹמֵד שֻׁלְחָן עָרוּךְ עִם הַמָּגִינִים וְחוֹזֵר עֲלֵיהֶם הַרְבֵּה כְּדֵי לָדַעַת אוֹתָם בְּעַל פֶּה, אַחַר כַּךְ כְּשֶׁרָאָהוּ מוֹהַרְנַ"תְּ אָמַר לוֹ "לְמַד גַּם אֶת הַלִּקּוּטֵי

(ר׳ מאיר קארליבאך: ר׳ נתן האט געזאגט: ״דו פרויקע (- ר׳ אפרים׳ל) מיט דיין קעפל״ -) **״זאל איך זיך רעכטן אז נחמן וועט האבן מער געפיל אין דעם רבי׳נס ספר פון דיר??!״.**

**אלע האבן געוואוסט אז ר׳ נחמן** (טולטשינער) **האט זיך אזוי פיל אוועקגעלייגט אויף דעם רבי׳נס זאך - אינגאנצן, אינגאנצן!**

## **געקאכט ווי א לאָקאָמאָטיוו!**

דאס יאר וואס ר׳ נחמן איז נפטר געווארן - תרמ״ד - האבן זיי געזאגט: ״נו, מיר וועלן שוין ביז משיח וועט קומען **אזא דאווענען נישט הערן!**״. און ווער איז דעמאלט געווען? מ״ד זענען נאך אלע רבי נתן׳ס קינדער געווען, אלע גדולים זענען נאך דעמאלט געווען.

׳מיר וועלן שוין אזא דאווענען נישט הערן ביז משיח וועט קומען!׳.

זיין דאווענען איז געווען ׳אזוי׳ - אז זיי האבן געזאגט - די גאנצע ׳ליקוטי הלכות׳ ליגט אין דעם דאווענען!

ר׳ נחמנ׳ס איידעם - ר׳ יודל - ער איז געווען ר׳ יצחק בער׳ס א זון, ער פלעגט אים אביסל אונטערהעלפן. [איך האב אים נאך געקענט, איך האב גערעדט מיט אים]. האט ער מיר געזאגט: **״איך בין געשטאנען לעבן אים** (- בשעת׳ן דאווענען)**; אזוי ווי א לאָקאָמאָטיוו קאכט - אזוי האט דער שווער געקאכט!״**. א ״לאָקאָמאָטיוו״ איז די ערשטע וואַגאָן וואס פירט דער גאנצער באן.

מען פארשטייט, אז די גאנצע ליקוטי הלכות איז געלעגן אין אים - **האט ער געקאכט! א קעסל האט אין אים געקאכט!**

**אונזערע לייט האבן געוואוסט - א קעסל קאכט! א קעסל פייער קאכט!**

❖

---

מוֹהֲרַ״ן עַד שֶׁתֵּדַע אוֹתוֹ בְּעַל פֶּה, כִּי כְּשֶׁתָּנוּחַ בַּקֶּבֶר וְתַרְגִּישׁ הַתּוֹלַעַת שֶׁבָּאֵיבָר וְהָעֶצֶם הַזֶּה מוּטְבַּע הַלִּקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן הִיא לֹא תִּקְרַב אֵלֶיךָ״.

# אוועקגעגעבן דאס ברעטל

בשעת ר' לייבעלע קאנסטאנטינער טאקע איז מקורב געווארן, פלעגט ער נישט פארן אויף ראש השנה, ער איז געווען דער חזן אין קאנסטאנטין.

אסאך מענטשן האט ער מקרב געווען צום רבי'ן - און ער אליין פלעגט בלייבן אין קאנסטאנטין אויף ראש השנה. פלעגט מען זאגן א ווערטל אויף אים: 'ער איז ווי א שמש וואס וועקט צו סליחות - און ער אליין לייגט זיך צוריק שלאפן'...

ווען ער האט מקרב געווען ר' אייזיק אייזנשטיין - דער וואס האט געבויעט דער שול אין אומאן, האט דעמאלט ר' אייזיק געזאגט: "ר' לייבעלע, **אז איר פארט נישט - פאָר איך אויך נישט!**". איז ער (- ר' לייבעלע) געפארן. דאס איז געווען תרי"א, דאס ערשטע ראש השנה זיינע.

אז ער איז אריינגעקומען אין שול אריין, האט מען א קוק געגעבן - ר' לייבעלע איז דא - און ער האט געבראכט אזא יונגערמאן!

דער ר' אייזיק - אז מען האט אים אנגעקוקט - איז געווען אזוי א שיינקייט, אזוי ווי עס שטייט ביי שאול המלך'ן[י]: "מִשִּׁכְמוֹ וָמַעְלָה גָּבֹהַּ"; עפעם דער פנים - א ליכטיגע צורה האט ער געהאט. האבן זיי שוין געזען - ער האט געבראכט דעם יונגערמאן, דערפאר איז ער געקומען.

האבן זיי געזעהן אז ער האט מפקיר געווען זיין פרנסה. ער איז דאך געווען א שיינער חזן דארטן - פון די שיינע חזנים איז ער געווען, האט ער דאך מפקיר געווען דער גאנצער פרנסה זיינעם. אז ער וועט שוין נישט דאווענען דארטן ראש השנה וועט ער שוין נישט האבן וואס צו טוהן דארטן, דארף מען אים געבן פרנסה אויף א יאר. האט מען צונויף געגומען פיר־און־אכציג רובל! תרי"א - דאס איז צוריק מיט הונדערט-דרייסיג יאר - דאס איז דעמאלט געווען שיין פרנסה.

---

[י] שמואל-א ט, ב.

ער איז דאך א חזן, ער איז דאך א בעל תפלה, ער דאווענט דאך אלע יאר פארן עמוד, דארף מען אים געבן עפעס א תפילה אויך. איז געבליבן מען זאל אים געבן דעם אנדערן טאג מוסף. ר' נחמן (טולטשינער) האט געדאווענט דעם ערשטן טאג מוסף, און ער דעם צווייטן טאג.

קען מען פארשטיין, אונזערע לייט האבן געהאט א געוואלדיגע - - ער האט טאקע געדאווענט געוואלדיג שיין, אבער עס איז נישט געווען "ר' נחמנ'ס מוסף". נאך איז געווען, דער ר' לייבעלע פלעגט אסאך וויינען. ר' נחמן האט געדאווענט מיט התעוררות, ער האט אבער נישט אזוי געמאכט קיין בכיות. ר' לייבעלע האט אבער אסאך געוויינט ביים דאווענען.

דאס גאנצע דאווענען וואס מיר דאווענען איז כמעט פון ר' לייבעלע'ס נוסח. דאס צוגאנג וואס מען גייט צו צו "אשרי (העם יודעי תרועה" - קודם מוסף) - דאס איז פון ר' לייבעלע, דאס איז א חזנ'ישע זאך. אויך דאס זאגן דעם "הנני העני ממעש" הויך, דאס איז אויך פון ר' לייבעלע. ר' נחמן פלעגט זאגן דעם "הנני העני ממעש" שטיל. און נאך זאכן וואס איז דארטן דא.

אמאל איז געווען וואס ר' נחמן האט אפגעדאווענט דעם ערשטן טאג, האט ער אזוי געדאווענט, אז אונזערע לייט האבן געזאגט, 'מיר קענען נישטווארטן ביז איבער א יאר, וואס זאל מען טוהן? מען קען נישט! אזא מין חיות! אזא מין אלוקות! זאלן מיר דארפן ווארטן ביז איבער א יאר? - איז געבליבן ר' נחמן זאל דאווענען דעם צווייטן טאג אויך.

האט ר' לייבעלע געזאגט צו זיי: "איך האב געהערט אז איר ווילט ר' נחמן זאל דאווענען מארגן; אבער איר קענט אויף זיך נעמען דאס חלישות הדעת וואס איך וועל האבן?!" - אזוי האט ער געזאגט.

האבן זיי געזאגט: "ר' לייבעלע, איר וועט דאווענען מארגן!" זיי האבן געוואוסט ווער ר' לייבעלע איז - ער איז געווען פון די געצייכענטע מענטשן, ער איז נישט געווען קיין סתם מענטש, ער איז געווען א איד א צדיק א קדוש, א געוואלדיגער מענטש איז ער געווען.

עס איז נישט נאר געווען זיין דאווענען - ער איז געווען (אזא איש צדיק) - אזוי ווי מען זאגט: "א גאנץ יאר ליגט דער שופר אין 'ארון קודש', אז עס קומט ראש השנה - בלאזט ער!"...[ז]

(ר' מאיר: אויף אים האט מען דאס געזאגט?) ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס - ער האט דאס געזאגט אויף זיך. ער האט געדאוונט מנחה ערב ראש השנה, האט ער געזאגט אויף זיך - 'ער איז אזוי ווי א שופר - א גאנץ יאר ליגט ער אין ארון קודש' (וכו' כנ"ל. עיין גם לקמן).

אבער אונזערע לייט האבן דאס געזאגט אויף נאך מענטשן - 'ער איז אויך אזא בחינה - א גאנץ יאר ליגט ער אין ארון קודש, אז עס קומט ראש השנה - בלאזט ער!' - אויף ר' לייבעלע'ן האט מען אויך אזוי געזאגט.

די מענטשן זענען געווען הייליגע מענטשן! אז מען האט געהערט אז ער וועט האבן חלישות הדעת, האבן זיי אים געזאגט: "ר' לייבעלע, איר וועט דאווענען מארגן!".

(השואל: דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט געדאוונט?) ניין, ער האט געדאוונט עטליכע יאר - מען האט אים געהייסן דאווענען. איך האב געהערט פון אידן וואס האבן געהערט דאווענען, אי ר' לייבעלע'ן, אי ר' נחמן טולטשינער.

ר' נחמן'ס דאווענען - דאס קען מען גארנישט אויסמאָלן! נאר ר' לייבעלע'ס דאווענען - ווייל מען האט געוואוסט ווער ער איז, א כלי, א צדיק, א געוואלדיגער מענטש איז ר' לייבעלע געווען - האט מען געוואוסט ווער ער איז, האט מען מורא געהאט פאר דאס חלישות דעת וואס ער וועט האבן. מחליש דעת זיין איז א געוואלד.

(השואל: ווען איז ר' לייבעלע מקורב געווארן? צו רבי נתן'ען?) איך ווייס נישט ווען, איך ווייס נישט צו ר' לייבעלע האט געקענט רבי נתן'ען, דאס קען איך נישט וויסן. אז תרי"א איז ער געווען אויף ראש השנה, געווענליך האט ער געקענט רבי נתן'ען, אוודאי.

---

[ז] עיין טעם זקנים קונטרס י"א: ר' נחמן (ב"ר יצחק לייב) האט געזאגט 'א שופר ליגט א גאנץ יאר אין ארון קודש - אז עס קומט ראש השנה בלאזט ער'! אוודאי, אז מען איז א גאנץ יאר אין 'ארון הקודש' - אז ס'קומט ראש השנה דאוונט מען!

ער האט אסאך מענטשן מקרב געווען צו אונז - ער איז געווען געוואלדיג! דו זעהסט דאך אז אונזערע לייט האבן געזעהן אז מען דארף אים געבן פרנסה פאר א גאנץ יאר, און אז מען זאל אים געבן א מוסף! ווען מען האט אזא ר' נחמן - אז מען זאל אים אוועקגעבן א מוסף - דאס איז נאר ווייל מען האט געזעהן ווער ער איז.

❖ ❖ ❖

## זאג אים נישט קיין עצות

(חסר) מען שמועסט דא, רבי נתן האט געהאט מקובל פון רבי'ן אז ער זאל נישט זאגן יענעם עובדות - 'עשה כך'[ח], נאר מעורר זיין מיט עצות, מעורר זיין מיט א הלכה, מעורר זיין מיט רעדן; דאס איבעריגע לאזט מען איבער אויף דיר אליין!

רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט רעדן מיט אונז אסאך, אבער מער - נישט; 'גיי אויף דיין אייגענע קעסט.

מען האט גערעדט אזעלכע זאכענישן. אבער נאכדעם, עצות, זאגן יענעם - 'עשה כך', דאס האט מען קיינמאל נישט געוואלט מישן זיך - 'מען האט דיר געגעבן גענוג! טוה מיט די עצות - וועט שוין זיין גוט; אז דו ווערסט אפלאזן - וועט זיין שוואכער; אז דו ווערסט האבן מערער - וועט זיין בעסער!'.

דאס איז א געוואלדיגע זאך; ביי אנדערע איז דאס נישט אזוי, אבער ביים רבי'ן איז אזוי געווען.

און דערפאר איז דאס געווען מיט מער אמת אויך, ווייל עס איז נישט וואס מען האט מיר געזאגט, נאר עס האט זיך ארויסגערופן - די עצות מיט דעם טוב האט ארויסגערופן דאס דאזיגע, איז דאס טאקע געווען מיט מער אמת.

---

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות ת"ל: אֵין דַּרְכּוֹ לְיַעֵץ אֶת הָאָדָם וְלִגְזֹר עָלָיו בְּדַוְקָא שֶׁיַּעֲשֶׂה דַּוְקָא כְּמוֹ שֶׁהוּא מְצַוֶּה רַק הוּא מְיַעֲצוֹ בְּדֶרֶךְ עֵצָה טוֹבָה אִם יַעֲשֶׂה יַעֲשֶׂה וְאִם לָאו לָאו. אַף עַל פִּי שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה כָּךְ, אַף עַל פִּי כֵן אֵין דַּרְכּוֹ לִדְחֹק עַל שׁוּם דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה דַּוְקָא כָּךְ, אֶלָּא אִם יִהְיֶה יִהְיֶה וְאִם לָאו לָאו. וְיֵשׁ לִי כַּמָּה טְעָמִים עַל זֶה, וכו' עיין שם.

אז איך טוה נאר נאך יענעם (כמו שמצווהו) - טוה איך נאך. עס איז נישט ווייל איך האלט דערביי, נאר וויבאלד איך טוה יענעם נאך. איז דאך נישט קיין ראיה אז איך האלט דערביי. אבער באלד אז מען זאגט יענעם - 'טוה נישט יענעם נאך, נאר דו זאלסט זעהן צו ליגן אין דעם רבי'נס זאך און גראָבן און גראָבן', דעמאלט וועט ארויסקומען פון דיר דיין זאך, דו וועסט זיך ציען צו דיין זאך; צו וואס דו דארפסט זיך ציען![ט].

אט דאס וועט טאקע לעתיד זיין א בושה; מען וועט יעדן איינעם ווייזן - 'נאַ - זעה וואס דו האסט געקענט זוכה זיין דורך דיין רבי'ן און זיינע עצות, זעה וואס דו האסט געקענט זוכה זיין דורך דיין רבי'ן, זעה וואס דו האסט געקענט, נאר דו האסט נישט געגראבן, דו האסט נישט געטוהן אזוי ווי מען דארף!'.

רבי שמואל אייזיק איז דאך געווען אזא מין ברען, אזא מין פייער! האט דען דער רבי געגעבן רבי שמואל אייזיק'ן דעם וועג?! אז ער איז געגאנגען אויף דעם וועג, האט דער רבי אים געלאזט גיין מיט דעם וועג, ער האט געזען אז ער קען גיין מיט דעם וועג; אבער דער רבי האט דאך אים נישט געזאגט - 'טוה אזוי, גיי אזוי'.

רבי יודל איז געגאנגען מיט 'אזא' מין וועג, 'דער' איז געגאנגען 'אזא' מין וועג (וכדו'). דער רבי האט דאך נישט געזאגט - 'דו טוה אזוי'.

אט די (אייגענע) תורה האט דער רבי גערעדט פאר רבי שמואל אייזיק'ן, פאר רבי יודל'ען, פאר רבי נתן'ען, פאר רבי נפתלי'ן, און פאר אלעמען! און אט 'די' (אייגענע) תורה האט ארויסגעגעבן יעדעם איינעם וועדליג זיינע מוחין, מיט זיין יראה, מיט זיין אהבה, אז ער זאל זיין אזוי.

---

[ט] עיין חיי מוהר"ן קצ"ז: וְאָמַר כִּי הָעִקָּר הָעֲבוֹדָה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר מַה שֶּׁמַּנִּיחִין לָאָדָם עַל הַבְּחִירָה שֶׁלּוֹ, הַיְנוּ שֶׁנִּשְׁאַר הַדָּבָר עַל דַּעְתּוֹ. וְאֵין בָּזֶה מִצְוָה הַיְנוּ שֶׁאֵין מְצַוִּין אוֹתוֹ עַל אוֹתוֹ הַדָּבָר שׁוּם מִצְוָה, וְאֵין אוֹמְרִים לוֹ כְּלָל לַעֲשׂוֹת כֵּן. רַק שֶׁנִּשְׁאַר הַדָּבָר עַל דַּעְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה כְּפִי מַה שֶּׁיִּבְחַר לוֹ.

# מיטגענומען בעטגעוואנט

רבי יודל איז געווען א געוואלדיגער מענטש, ער איז געווען א הימל מענטש. אז רבי יודל איז געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון - האט ער גערעדט מיטן רבי'ן; אלע האבן געוואוסט - "רבי יודל רעדט מיטן רבי'ן"!

רבי שמואל אייזיק איז געווען א תלמיד ביי רבי יודל'ען, און רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי רבי פנחס'ל קאריצער. תקנ"א איז רבי פנחס נפטר געווארן. פון דעמאלט איז רבי יודל געבליבן אין דאשיב, און ער האט געהאט תלמידים - ער איז אליין געווארן א רבי.

רבי שמואל אייזיק איז געווען זיינער א תלמיד, און ר' בער', ער האט געהאט אסאך תלמידים - גרויסע מענטשן האט ער געהאט תלמידים! ער איז אליין געווען א רבי - און ער איז ראוי געווען צו זיין א רבי.

רבי לייב (טראסטיניצער, חמיו של רבי יודל) האט געזאגט (קודם הסתלקותו): "ווען מיין איידעם זאל ווען דא זיין, וואלט ער מיך נישט געלאזט נסתלק ווערן!"[יא].

איר ווייסט ווער דער רבי לייב איז געווען?! איך האב אמאל געזען א מכתב; עס איז געווען עפעס א געוואלדיגע גזירה אויף אידן, און דער בעל־שם־הקדוש האט געזאגט: "אויף צו מבטל זיין דער גזירה מוז ער זיך מצרף זיין מיט רבי לייב'ן!" - צוזאמען קען מען מבטל זיין דער גזירה. ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש!

---

[י] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ט.

[יא] עיין חיי מוהר"ן אות תרי"א: הָרַב יוֹדִיל הַנַּ"ל הָיָה חֲתַן הָרַב לֵיבֶּלִי מִטְרָאסְטִינֶץ. הָרַב לֵייבּ הַנַּ"ל נִסְתַּלֵּק עַל הַיָּם בִּנְסִיעַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְאָמַר **אִם הָיָה בְּכָאן חֲתָנִי הָרַב יוֹדִיל, אֲזַי לֹא הָיָה מַנִּיחַ אוֹתִי לְהִסְתַּלֵּק כָּאן**. שָׁמַעְתִּי בְּשָׁעָה שֶׁנָּסַע הָרַב לֵיבּ הַנַּ"ל עַל הַיָּם, הוֹשִׁיטָה חַיָּה אַחַת אֶת רֹאשָׁהּ מֵהַמַּיִם וְהָלְכָה כְּנֶגֶד הַסְּפִינָה. וְנָפְלָה אֵימָה וַחֲרָדָה גְּדוֹלָה עַל הָאֲנָשִׁים מֵהַסְּפִינָה, שֶׁלֹּא תַּהֲפֹךְ אֶת הַסְּפִינָה. וְלָבַשׁ הָרַב לֵיבּ הַנַּ"ל אֶת הַטַּלִּית וּתְפִלִּין וְהָלַךְ לְנֶגְדָּהּ, וְנִכְנְסָה לְהַיָּם. לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ הִנִּיחוּ אוֹתוֹ עַל דַּף עַל הַמַּיִם וְצָפָה הַדַּף אֶל הַנָּמֵל. וְעָמַד עָלָיו עַמּוּדָא דִנוּרָא, וְיָצְאוּ כָּל אַנְשֵׁי הָעִיר וְקִבְּלוּ אוֹתוֹ. וּבְאוֹתָהּ הָעִיר מִכַּמָּה שָׁנִים מִקֹּדֶם הָיָה חָכָם, וְעָשָׂה צַוָּאָה שֶׁלֹּא יַנִּיחוּ אֶצְלוֹ שׁוּם בַּר נָשׁ, וּכְשֶׁיָּבוֹא חָכָם מֵאֶרֶץ פּוֹלַנְיָה וְיַעֲמֹד עָלָיו עַמּוּדָא דְנוּרָא אֲזַי יַנִּיחוּ אוֹתוֹ אֶצְלוֹ. וְהָרַב יוֹדִיל הַנַּ"ל חֲתָנוֹ הָיָה לַמְדָן גָּדוֹל גַּם בַּעַל מְקֻבָּל וְזָקֵן בְּשָׁעָה שֶׁנִּתְקָרֵב אֶל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה אָז רַךְ בַּשָּׁנִים, וְהָיָה בְּאוֹתָהּ הָעֵת בְּמֶעדְוֶעדִיוְקֶע, וְהוּא הָיָה דָּר בָּעִיר דָּאשִׁיב, בְּעֵרֶךְ שְׁלֹשִׁים פַּרְסָאוֹת מִמֶּעדְוֶעדִיוְקֶע, וְאָמַר אֵיךְ יְכוֹלִין לֵישֵׁב מֶרְחָק כָּזֶה מֵרַבִּי כָּזֶה. וְעִקַּר דִּירָתוֹ מִשָּׁם סָמוּךְ לְמֶעדְוֶעדִיוְקֶע.

רבי לייב, וואו ער פלעגט פארן, פלעגט ער מיטנעמען זיינע בעטגעוואנט, ער איז נישט געשלאפן מיט אנדערע בעטגעוואנט. ער איז געווען אַן ארעמאן, איז עס געווען צעריסן, האבן די פעדערן ארומגעפליגן.

איז ער אמאל אריינגעקומען אין טולטשין. רבי ברוכ'ל האט געוואוינט דעמאלט אין טולטשין. נוי-סוכה איז ביים רבי ברוכ'ל געווען אזוי - אז עס איז נישט שייך - מען האט אויסגעפוצט דער סוכה, אלע ווינקלען.

דער רבי לייב האט געגעבן א גיי אריין ערב סוכות אין דער סוכה אריין, און די פעדערן פליען. האט רבי ברוכ'ל'ס שמש דאס געזעהן - 'געוואלד! אז רבי ברוכ'ל וועט אריינקומען, וועט ער אים דאך גלייך מעניש זיין - וואס האסטו געטוהן??!'.

דער רבי ברוכ'ל האט געגעבן א קום אריין. האט רבי ברוכ'ל געזאגט: "נוי-סוכה?" האט ער געענטפערט: "נוי-סוכה, נוי-סוכה!" האט ער שוין געזעהן אז דאס איז 'נוי-סוכה'. זיינע פעדערן - 'דאס איז נוי-סוכה'.

ער איז געקומען מיט א לשון תמיה, "נוי-סוכה?". זאגט ער, "יא, נוי-סוכה, נוי-סוכה!".

א הויכער סארט מענטש איז דער רבי לייב געווען, עפעס א געוואלדיגער מענטש. האט ער געזאגט: "אז מיין איידעם זאל ווען דא זיין, וואלט ער מיך נישט געלאזט נסתלק ווערן!".

זעהט מען דאך אז רבי יודל איז געווען א כלי!

❖

# התמסרותו של ר' נחמן טולטשינער למוהרנ"ת

(השואל: ווי אלט איז געווען דער טשעהרינער רב ביי רבי נתן'ס הסתלקות?) בערך ניינצן-צוואנציג יאר, אזוי קומט אוים. דער טשעהרינער רב איז אלט געווען (בהסתלקותו), אדער ניין-און-זעכציג, אדער זיבעציג יאר, דאס איז בין איך מסופק[יב].

---

[יב] ר' נחמן מטשעהרין נסתלק י"ג אדר-שני שנת תרנ"ד.

ר׳ נחמן טולטשינער האט אריינגעצויגן אין דעם זיבעציג׳סטן יאר[יג]. רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס האט געזאגט: ״דער טאטע האט אריינגעצויגן אין דעם זיבעציג׳סטן יאר!״.

(השואל: זיי זענען געווען די זעלבע אלט?) ניין, דער טשעהרינער רב איז געווען יונגער. ר׳ נחמן טולטשינער איז געבוירן געווארן תקע״ד, איז ער אלט געווען ביי רבי נתן׳ס הסתלקות איין־און־דרייסיג יאר. און דער טשעהרינער רב איז אלט געווען ניינצן־צוואנציג יאר. איז ר׳ נחמן טולטשינער עלטער געווען מיט עלף יאר.

❖

עס איז דא א מכתב וואס רבי נתן שרייבט[יד]: ״׳אשרינו׳ וואס מיר האבן אזעלכע מענטשן ווי ר׳ נחמן!״.

אזוי שרייבט ער צום זון - ״׳אשרינו׳ וואס מיר האבן אזעלכע מענטשן ווי ר׳ נחמן!״.

❖

עס איז געווען אמאל וואס רבי נתן איז געפארן מיט ר׳ נחמן׳ען א נסיעה, זיי זענען געפארן מיט אַן אפענעם וואָגן, איז געווען א שטארקער ווינט אויפן וועג, איז אראפגעפאלן דאס היטל פון רבי נתן׳ען - ער איז געבליבן זיצן נאר מיטן קאַפּל.

(חשב ר׳ נחמן טולטשינער:) ׳רבי נתן וועט אריינקומען אין שטאט אָן קיין היטל?!׳ - דארט איז געווען א התנגדות. האט ר׳ נחמן געזעהן, האט ער געהייסן אפשטעלן דאס פירל, און ער איז אראפ, און ער איז געלאפן זוכן דאס היטל. האט ער געפונען דאס היטל און ער האט עס אים אפגעבראכט. האט רבי נתן אים א זאג געגעבן: ״ינוח ראשך על מקומך!״.

---

[יג] ר׳ נחמן טולטשינער נסתלק כ״ו ניסן שנת תרמ״ד.

[יד] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו׳ ערשב״ק לך לך תר״ג: וְדַע בְּנִי חֲבִיבִי כִּי אֶתְמוֹל הָלַךְ מִפֹּה יְדִידֵנוּ **רַבִּי נַחְמָן נֵרוֹ יָאִיר** בִּשְׁבִיל הָעֵסֶק הַקָּדוֹשׁ (- הדפסת ח״א של הליקוטי הלכות או״ח) אֵיזֶה שָׁעָה סָמוּךְ לְמִנְחָה יָצָא מִבֵּיתִי בְּרַגְלָיו בִּזְרִיזוּת לְדֶרֶךְ כָּזֶה, כִּי תְּהִלָּה לָאֵל הוּא מִתְלַהֵב בְּחֵשֶׁק נִפְלָא לָעֵסֶק הַזֶּה וְלֹא רָצָה לְהִתְעַכֵּב עַד אַחַר שַׁבַּת קֹדֶשׁ. **בָּרוּךְ ה׳ אֲשֶׁר בְּשִׁפְלֵנוּ זָכַר לָנוּ, וּבַצַּר הִרְחִיב לָנוּ שֶׁנִּמְצָאִים אֲנָשִׁים שֶׁמִּתְנַדְּבִים בִּמְעוֹתָם וּבְגוּפָם לָזֶה**, בָּזֶה אֲנִי רוֹאֶה נִפְלְאוֹת ה׳ אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר.

**פלעגט רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגן: "מיין טאטע האט געהאט א ברכה פון רבי נתן'ען אז ער וועט האבן א מח מיושב!". ער איז געווען א געוואלדיגער חכם - ר' נחמן. "ינוח ראשך על מקומך" - האט אים רבי נתן געגעבן א ברכה.**

❖

**אמאל איז ר' יצחק - דער זון - געווען ביי רבי נתן'ען אין שטוב. ר' יצחק האט געארבעט דארטן אין דער פאסט, ער האט געהאט די אלע געלטער. איז פארלוירן געווארן א פעקל געלט ביי רבי נתן'ען אין שטוב. עס איז דאך נישט געווען זיין געלט, איז ער געווען זייער איבערגע'רעש'ט. רבי נתן איז אויך געווארן זייער איבעגע'רעש'ט דערפון אז ביי אים אין שטוב איז פארלוירן געווארן א פעקל געלט - און ס'איז נישטא... ר' יצחק איז אוועקגעפארן זייער איבערגע'רעש'ט.**

**ר' נחמן האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן. איז ער ארויס, און ער האט אנגעהויבן זוכן אין אלע מיסטן, אויך אין די מיסט וואס מען האט שוין געהאט אוועקגענומען... און ער האט געפונען דאס פעקל געלט און ער האט עס אריינגעבראכט. ער האט אזוי פיל געזוכט אין דער מיסט וואס ליגט נאך, און אין דער מיסט וואס מען האט אוועקגעפירט שוין, און ער האט עס געפונען.**

**אין א מכתב[טו] שרייבט רבי נתן אזא מין גרויסקייט אויף ר' נחמן'ען. מען האט דאך אים נישט געהייסן גיין זוכן - אלע האבן דאך געזעהן אז דאס געלט איז נישטא. נאר אים האט עס באנומען אזוי דער זאך, ער האט געוואוסט אז רבי נתן וועט האבן עגמת נפש דערפון, און עס קען שוין אביסל דערלאנגען צו עבודת ה', (איז ער ארויסגעגאנגען זוכן).**

---

[טו] עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' ויקרא תקצ"ט: אֲהוּבִי בְּנִי חֲבִיבִי, בּוֹא וּרְאֵה נִפְלְאוֹת ה' וַחֲסָדָיו בְּכָל עֵת וָרֶגַע. בְּיָשְׁבִי עַל הַשֻּׁלְחָן הַיּוֹם הִגִּיעַ הַשָּׁלִיחַ מֵאִתְּךָ עִם הַבְּשׂוֹרָה שֶׁנֶּאֱבַד הַסַּךְ מֵאִתְּךָ בְּבֵיתִי, וְתֵכֶף שָׁאַלְתִּי כָּל בְּנֵי הַבַּיִת, וְאֵין מֵשִׁיב דָּבָר, וּמֵאֵלֶיךָ תָּבִין צַעֲרִי בְּאוֹתָהּ הַשָּׁעָה. מְאֹד בִּלְבֵּל אֶת דַּעְתִּי כִּי הֵבַנְתִּי צַעַרְךָ הֵיטֵב ... בְּתוֹךְ כָּךְ נִתְעוֹרֵר מוֹסֵר כְּתָב זֶה יְדִידֵינוּ רַבִּי נַחְמָן נֵרוֹ יָאִיר, וְחִפֵּשׂ וּבִקֵּשׁ בְּתוֹךְ הָאַשְׁפָּה עַד שֶׁמָּצָא הָאֲבֵדָה וֶהֱבִיאָהּ אֵלַי בְּשָׁעָה קַלָּה, וַאֲנִי לֹא צִוִּיתִיו עַל זֶה כְּלָל, וּתְהִלָּה לָאֵל קִיֵּם מִצְוַת הֲשָׁבַת אֲבֵדָה בִּשְׁלֵמוּת. וְרַבִּי גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר וְכָל הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר בְּבֵיתִי כֻּלָּם עָמְדוּ מִשְׁתּוֹמֵם, הֵמָּה רָאוּ כֵּן תָּמָהוּ מִגֹּדֶל הַחֶסֶד אֲשֶׁר הוּא יִתְבָּרַךְ מַפְלִיא בְּכָל עֵת.

אזא מענטש, דאס האט רבי נתן געוואלט פון ר' אפרים'ען און פון זיין זון, אז זיי זאלן אויך זיין אזעלכע מענטשן, זיין אזוי פיל איבערגעגעבן אויף דער זאך - דאס האט ער געוואלט[טז].

❖

פארוואס רעדן מיר אינגאנצן דעם שמועס? אז דעם רבי'נס זאך, וואס מען וועט זיך ארײנלייגן מערער אין דער זאך, מען וועט טוהן מערער, וועט מען מער נעמען! דעם רבי'נס זאך איז א קוואל וואס עס קוועלט; עס איז אזא מין קוואל, אז וואס דו וועסט מער ליגן אין דעם קוואל און מער נעמען, וועסטו האבן מער[יז].

דער רבי האט אונז צוגעגרייט א קוואל - פאר יעדן איינעם איז דא גענוג - נעם, נעם, וועסטו האבן! איך האב דיר צוגעגרייט! נאר צו נעמען און דיר לייגן אין מויל ארײן - לייגט מען נישט ארײן. דו האסט עס גרייט, נאר 'די' זאך דארפסטו אליין טוהן - נעם!

"בפיך ובלבבך"! "מיטן פיסק אין מיטן הארץ"![יח]

---

[טז] עיין כוכבי אור - סיפורים נפלאים: אַף־עַל־פִּי שֶׁקָּרָא אוֹתוֹ (- ר' יצחק) פַּעַם אַחַת מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל אוֹתוֹ וְאֶת ר' אֶפְרַיִם זַ"ל בְּשֵׁם אַנְשֵׁי שׁוּק (יַעַן אֲשֶׁר יָדַע בָּהֶם שֶׁיֵּשׁ בִּיכָלְתָּם לְהִתְעַלּוֹת בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם), אֲבָל בְּתוֹךְ הַשּׁוּק בְּעַצְמוֹ הִרְבּוּ לְקַיֵּם קְבִיעַת עִתִּים לַתּוֹרָה וְלִתְפִלָּה וּבְרֹב הָאֱמוּנָה אֲשֶׁר בְּמַשָּׂאָם וּמַתָּנָם הִרְבּוּ לְקַדֵּשׁ ה' בָּרַבִּים. גם עיין אבניה ברזל - שו"ס מר' נחמן מטולטשין.

[יז] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' ר"ח כסלו תקצ"ח: וּכְלַל הַדָּבָר לְךָ וּלְכָל כַּיּוֹצֵא בְּךָ, שֶׁאֵין בְּיָדִי לַהֲשִׁיבְכֶם כְּלָל. **רַק כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁיַּחְתֹּר וִיבַקֵּשׁ אַחַר הַבְּאֵרוֹת מַיִם חַיִּים קְדוֹשִׁים הַנַּ"ל, בְּוַדַּאי יִמְצָא בְּאַמְתַּחְתִּי** אַמְתַּחַת הֶעָנִי וְהָאֶבְיוֹן הַנִּרְדָּף מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אֲשֶׁר מֵחֲמַת זֶה אַמְתַּחְתּוֹ מְלֵאָה עָפָר וּצְרוֹרוֹת וּבְלוּאֵי הַסְּחָבוֹת אֲשֶׁר מְלָאוּהָ זָרִים לְהַסְתִּיר וּלְהַעְלִים פְּנִינֵי גְּנָזָיו. עִם כָּל זֶה מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה, וּנְהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּהָ, וְכָל מִינֵי חֹשֶׁךְ וְהַסְתָּרוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא יוּכַל לְהַעְלִים אוֹרוֹת מַטְמוֹנֵי אוֹצְרוֹת חַיִּים כָּאֵלֶּה אֲשֶׁר כְּבָר נִתְגַּלָּה מֵהֶם מַה שֶּׁנִּתְגַּלֶּה בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וַעֲדַיִן עֲדַיִן אַתֶּם צְרִיכִים יְגִיעוֹת לַחְפֹּר אֶצְלִי הֶעָנִי וְהָאֶבְיוֹן. וּבְוַדַּאי תִּמְצְאוּ אִם תִּתְיַגְּעוּ. וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה תִּקְעוּ אֱמוּנָה עַל פָּסוּק אַף חָכְמָתִי עָמְדָה לִי. חָכְמָה שֶׁבְּאַף דְּהַיְנוּ בִּיגִיעוֹת עָמְדָה לִי. וְאֵין צְרִיכִים יְגִיעוֹת שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְסָבְלָם רַק **בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ**.

[יח] עיין חיי מוהר"ן אות רצ"ה: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ. וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ. וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל וְהֵשִׁיב עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ (מִיטְן פִּיסְק אוּן מִיטְן הַארְץ) **בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ**.

אלצדינג איז דא, נאר נעם, עפן אויף דאס מויל און גיב אוועק דאס הארץ, האסטו א קוואל וואס אלע יארן וואס דו וועסט לעבן - וויפיל דו וועסט לעבן - האסטו צו נעמען פון דעם קוואל.

❖

## דו קערסט קיין ארץ ישראל

(ר' אברהם יצחק מערמלשטיין: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אמאל געזאגט: "ווען ער וואלט געפאלגט דעם טאטן, וואלט אויף אים נישט אזוי פיל איבערגעגאנגען!"?) **יא, דאס האט ער געזאגט. די לעצטע יארן איז ער געווען אזוי קראנק, האט ער געזאגט: "ווען ער וואלט געפאלגט דעם טאטן, וואלט נישט אויף מיר אזוינס איבערגעגאנגען!".**

וואס האט ער געמיינט? דער טאטע האט אים געהייסן אוועקפארן קיין ארץ ישראל נאך קליינערהייט. ר' נחמן האט געזעהן זיין הנהגה פון קליינערהייט, נאך ביי די זעקס-זיבן יאר, האט ער אים געזאגט: **"דו קערסט קיין ארץ ישראל, חוץ־לארץ קען דיך נישט סובל זיין!".**

נו, ער איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל תרנ"ד. און רבי אברהם ר' נחמן'ס איז געבוירן געווארן תר"ט. איז תרנ"ד איז ער אלט געווען פינעף־און־פערציג יאר. האט ער געהאלטן אז ער האט נישט געפאלגט דעם טאטן, ער וואלט ווען געדארפט אוועקפארן פריער.

מיר רעדן דא אביסל הויכע זאכן, אבער יעדער דיבור איז שייך פאר יעדן איינעם; יעדער זאל וויסן, מיר האבן א פארמעג - דעם רבי'ן! מיר האבן אַן אוצר! מיר האבן א נחל! וואס מען וועט זיך מער צובויגן - וועט מען מער נעמען. ווי מ'זאגט - 'דו האסט אלעם גרייט, דער טיש איז גרייט - נעם - עס!' נאר וואס דען, אריינלייגן אין מויל לייגט מען נישט אריין... עפן דאס מויל, נעם, עס, "בפיך ובלבבך". דער רבי האט דאך געזאגט - "מיטן פיסק און מיטן הארץ!".

דער רבי האט געזאגט: **"נישט דאס האב איך געמיינט, איך האב געמיינט אז איר וועט ארומגיין אזוי ווי די חיות גייען ארום און ברומען אין וואלד!".**

רבי נתן האט דאס געהאט - זיינע מענטשן פלעגן ארומגיין גאנצע נעכט אין די וועלדער און ברומען!

דאס ברומען איז דאך עפעס אזא מין השתוקקות צום אויבערשטן וואס ער ווייסט אליין נישט וואס ער וויל, ער האט עפעס א מין ברענונג! - אזעלכע מענטשן האט רבי נתן געהאט[יט].

אזעלכע מענטשן זענען ביים רבי'ן נישט געווען, אזעלכע מענטשן האט דער רבי נישט געהאט - אזעלכע מענטשן האט רבי נתן געהאט!

רבי נתן האט געהאט אזעלכע מענטשן וואס זיי האבן נישט געהאט קיין צייט צו קומען צו אים - פלעגט רבי נתן גיין צו זיי און רעדן מיט זיי.

❖

## פול מיט פחד ה'!

ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס האט געדאוונט ביי אונז מנחה ערב ראש השנה. ער ליגט אין יאַס אין רומעניע, דארטן איז ער נסתלק געווארן[כ]. די לעצטע ווערטער - קודם הסתלקותו - האט ער געענדיגט מיט די ווערטער: "**אנא בשרא, ואנת אש - ואנא עדיפנא מינך!**"[כא] - מיט די ווערטער איז ער נסתלק געווארן...

**ער האט אויף זיך געזאגט: "איך בין אזוי ווי א שופר; א גאנץ יאר ליגט ער אין ארון קודש, אז עס קומט ראש השנה - בלאזט ער!"**

**בלאזט ער!**

**איך האב נאך געקענט מענטשן וואס האבן אים געהערט דאווענען מנחה!**

---

[יט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות רכ"ו.

[כ] כמה מאנ"ש ברחו לרומניא (בתוכם גם ר' נתן ב"ר לייבעלע ראובן'ס, קודם שעלה לארה"ק) מפני פחד הגזירה של התייצבות לצבא.

[כא] לשון הגמ' בקידושין דף פא. גם עיין חיי מוהר"ן אות תר"ד.

אין די "מכתבים" (- עלים לתרופה) **דארט צום סוף איז דא דארטן בריוון פון ר' נחמן טולטשינער צו ר' יחזקאל העשיל**[כב]. **ער** (- ר' יחזקאל העשיל) **האט אים** (- ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס) **נאך געהערט דאווענען - עטליכע יאר האט ער אים געהערט דאווענען מנחה.**

**איך האב נאך געקענט מענטשן וואס האבן אים געהערט דאווענען מנחה. האבן זיי אזוי געזאגט: "בשעת ער האט געדאוונט איז די גאנצע שול געווען פול מיט פחד ה'!" די מנחה! מען האט מורא געהאט אויפצוהויבן דעם קאפ! די שול איז געווען פול מיט פחד ה'! די יראה פון אויבערשטן איז געווען פול אין דער גאנצער שול - אזוי האט ער געדאוונט דער ר' נחמן.**

**דאס איז אליין געווען פון רבי נתן'ס כלים! ער האט שוין דעם רבי'ן נישט געקענט - ער האט דאך געהייסן נאכ'ן רבי'ן - רבי יצחק לייב האט אים א נאמען געגעבן נאך דעם רבי'ן.**

❖

## א מלאכה צו אַראָפּוואַרפן?!

**ר' יצחק לייב איז געווען ביים רבי'ן. ער איז געווען אזוי; ער איז אין די וועלט געווען א גרויסער רבי, א גרויסער בעל מופת. אז ער פלעגט אריינקומען אין א שטאט אריין, זענען אים נאכגעפארן הונדערטער פירלעך, קראנקע מיט... און ער האט פאר אלע געמאכט מופתים.**

**די וועלט האט אבער פון אים נישט געהאלטן, מען האט געהייסן אים שמייסן** (- להלקותו) **- גאנצע מעשיות.**

---

[כב] ה"ה **ר' יחזקאל העשיל** ב"ר משה לייב **הערשונוב-קארסינסקי**. היה חתן ר' יצחק מהייסין (מתלמידי מוהרנ"ת). היה מחותנו של הרב מטשעהרין - בת הרב מטשעהרין היתה כלתו. עוד הכיר את ר' נפתלי תלמיד רביז"ל, והיה מרבה לספר ממנו. התפלל עם אנ"ש בראש השנה למעלה מ-שבעים שנה. נלב"ע ט"ו שבט תרצ"ד כ-למעלה מבן תשעים.

איז ער געקומען צום רבי'ן אויך. האט דער רבי אזוי געזאגט: "א מלאכה איז א מענטשן אַראָפּוואַרפן? א מענטש - אויפהויבן דארף מען אים!"[כג]. אלע האבן אים אראפגעווארפן[כד].

(ר' מאיר: מען האט געהאלטן אז ער טוהט נישט פון דער קדושה?) מען האט געהאלטן אז עס איז נישט אזוי אינגאנצן פון דער קדושה.

אז ער איז געקומען צום רבי'ן - דאס האב איך געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס - האט דער רבי אים געהייסן א יאר צייט נישט צו דאווענען מיט ר"ת'ס תפילין - א יאר צייט.

אבער ער האט גענומען (פון רבי'ן) - און ער איז געווארן א געוואלד! האָ-האַ!

דער רבי האט אמאל א זאג געגעבן: "אז איך זאל ווען מיט אים איבעררעדן האלב וואס איך רעד מיט אייך, וואלט ער פארברענט זיך און ער וואלט פארברענט דער וועלט!"[כה].

ווען דער רבי פלעגט זאגן תורה, איז ער פאר גרויס דביקות ארונטער אונטערן טיש... אזא פחד איז געווען אויף אים!

---

[כג] עיין מכתבי ר' נתן בר"י במכתב מיום א' וארא תרל"ט. גם עיין מדרש תהלים קפיטל נ"ב עה"פ "מה תתהלל ברעה הגבור", וזל"ש: אמר לו, **וזו גבורה היא, שרואה אדם את חבירו על פי הבור ודוחפו לבור. ורואה אותו על ראש הגג ודוחפו. זו גבורה היא? אלא אימתי הוא גבור, בשעה שיבוא חבירו ליפול, ואוחזו בידו שלא יפול. וכן מי שרואה חבירו שנופל לבור, ומעלהו.**

[כד] עיין טעם זקנים קונטרס ס"ה: ער אליין איז געווען א גדול, ער איז נישט געווען שייכות צו די אלע תאוות. נאר וואס דען, ער האט זיך א כאפ געגעבן - נוצן זיך מיט שמות, און די צדיקים האבן געוואלד מקפיד געווען מען זאל זיך נישט נוצן (מיט שמות). די צדיקים האבן געטוהן מופתים - נאר פון רוב עבודה איז געווארן מופתים, אבער נוצן מיט א שם?! ס'איז א געוואלדיגער 'פגם', ער (- ר' יצחק לייב) האט זיך באנוצט מיט שמות, דאס איז געווען זיין זאך, האבן זיי געשריגן געוואלד. ער איז געווען א גדול! דאס איז צוויי זאכן; א 'גדול' איז ער געווען, נאר ער איז אריינגעגאנגען אין א מין 'רוח' וואס די צדיקים האבן נישט געהאלטן דערפון. דארף זיין א צדיק וואס זאל אים קענען ארויסנעמען דערפון; דער רבי האט אים ארויסגענומען דערפון! איז ער טאקע געווארן א גדול, ער איז געווען א גדול!

[כה] עיין חיי מוהר"ן אות שע"א: שֶׁמַעְתִּי מֵרַבִּי יִצְחָק לֵיבּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִטֶּעפְּלִיק שֶׁשָּׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאִם הָיָה מְסַפֵּר עִמּוֹ הַחֲצִי שִׂיחוֹת מִמַּה שֶּׁסִּפֵּר עִם רַבִּי נָתָן וְרַבִּי נַפְתָּלִי **לֹא הָיָה לְךָ קִיּוּם כְּלָל וְגַם כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לֹא הָיָה לוֹ קִיּוּם.**

**עפעס א פייער איז ער געווען!**

**ער איז** (קודם) **געווען אביסל נישט אזוי ווי מען דארף, אבער אז ער איז געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי אים פארראכטן - ער איז געווארן! ער איז געווארן![כו]**

**ער ליגט אין טעפליק. אונזערע לייט פלעגן גיין צו אים אלעמאל** (על ציונו)**.**

❖

**דער ר' נחמן - דער זון זיינער, ער איז שוין געווען פון רבי נתן'ען, פון רבי נתן'ס חברה, רבי נתן'ס א כלי!**

**רבי נתן האט א זאג געגעבן ר' נחמן טולטשינער'ן: "דו זאלסט זיך צוקוקן בשעת ער גיט א געשריי 'וידבר ה'' - וועסטו זעהן אז ער שטייט אין דער אַויר!" - ער שטייט נישט אויף דער ערד. אז דו וועסט זיך צוקוקן וועסטו זעהן. רבי נתן האט שוין געוואוסט.**

(השואל: "וידבר" - ווען?) **ביי דער מנחה פון ערב ראש השנה האט ער א שריי געגעבן דעם "וידבר ה' אל משה לאמר".**

**"וועסטו זעהן אז ער שטייט אין דער אַויר".**

**ממש 'התפשטות הגשמיות' אינגאנצן, א נשמה'דיג דאווענען, א דאווענען פון נשמה! א נשמה דאווענט! די נשמה איז פול מיט פחד ה'! די אַויר איז פול מיט פחד ה', דאס איז נישט קיין קלייניקייט.**

**אז ער האט געהאט א זון - דער רבי יצחק לייב, האט ער אים א נאמען געגעבן נאך דעם רבי'ן. זעט מען דאך שוין אז ער איז געווען א כלי.**

❖

---

[כו] עיין כוכבי אור - ערך אנשי מוהר"ן אות כ"ז: ר' יִצְחָק יְהוּדָה זַ"ל מִטֶּעפְּלִיק קֹדֶם הִתְקָרְבוּתוֹ לַאֲדְמוֹ"ר זַ"ל הָיָה מְפֻרְסָם וְכַמָּה אֲנָשִׁים מֵעֲיָרוֹת רַבּוֹת הָיוּ נוֹתְנִים לוֹ פִּדְיוֹנוֹת וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁהִכִּיר אֲמִתָּתוֹ שֶׁל אַדְמוֹ"ר זַ"ל, עָזַב וְהִרְחִיק מֵעַל עַצְמוֹ הַנְהָגַת פִּרְסוּמוֹ, וְקִבֵּל עַל עַצְמוֹ עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וְלֹא הֵסֵב אֶת פָּנָיו גַּם מִכָּל הַחֲרָפוֹת וְהַבּוּשׁוֹת שֶׁהָיוּ לוֹ מֵחֲמַת זֶה, וַיָּשָׁב אֶל ה' בְּכָל לִבּוֹ וְנַפְשׁוֹ, כִּשְׁאָר אַנְשֵׁי אַדְמוֹ"ר זַ"ל.

# אויף מיר וואלט איר געקריגט?

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז! איינמאל מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן, ברוך ה', דארף מען אסאך דאנקען דעם אויבערשטן.

און ברוך ה', מען קען נעמען פון רבי'ן, מען קען נעמען, מען קען נעמען!

מען דארף עס זייער אפהיטן - דו האסט דאך אזא מין קוואל! לעתיד וועט מען פרעגן ביים דין-וחשבון - 'אנדערע האבן נישט געהאט דאס וואס איר האט. איר האט אבער נישט קיין תירוץ - האט איר געפאלגט אייער רבי'ן? האט איר אייער רבי'ן געפאלגט וואס ער האט אייך געזאגט? דער יצר־הרע איז גרוים-גרוים, יא, מיר ווייסן דאס אויך, אבער דו האסט דיין רבי'ן געפאלגט? דו האסט דאך געהאט א רבי'ן - האסטו אים געפאלגט מיט זיינע עצות וואס ער האט דיך געהייסן? האסטו אים געפאלגט?

קומט דאך אויס, פון איין אופן וועט זיין דער דין-וחשבון שווערער. פונדעסטוועגן דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן - כאטש עס וועט זיין שווערער - ברוך ה' וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים.

דער רבי האט דאך געזאגט צו רבי נתן'ען און רבי נפתלי'ן: **"אויף מיר וואלט איר געקריגט? איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים!"**[כ].

---

[כ] עיין חיי מוהר"ן אות נ': וְנַחֲזֹר לְמַעְלָה בְּעֵת שֶׁאָמַר עִנְיַן הַנַּ"ל אָז דִּבֵּר הַרְבֵּה מִשִּׂמְחָה, וְחִזֵּק אוֹתָנוּ וְזֵרֵז אוֹתָנוּ מְאֹד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד. כִּי בְּאוֹתָן הָעִתִּים שֶׁהָיָה בָּעֵת שֶׁבָּא מִלֶּמְבֶּרְג אָז דִּבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה מְאֹד מֵעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת **לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד**. וְאָמַר אָז לָנוּ שֶׁרָאוּי לָנוּ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מַה שֶּׁנִּצַּלְנוּ בְּרַחֲמָיו מִלִּהְיוֹת מִתְנַגְּדִים עָלָיו. וְאָמַר אָז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים, **מִשְּׁנֵי תוֹעִים**, הַיְנוּ מֵהַתּוֹעִים לְגַמְרֵי מֵהַתּוֹרָה שֶׁהֵם הָעַכּוּ"ם וְהָאֶפִּיקוֹרְסִים, וְגַם נִצַּלְנוּ מֵהַתּוֹעִים הַמִּתְנַגְּדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו שֶׁאָבְדוּ מַה שֶּׁאָבְדוּ בְּלִי שִׁעוּר וְעֵרֶךְ וּמִסְפָּר. וְאָמַר **הֲלֹא אַתֶּם בְּוַדַּאי הֱיִיתֶם מִתְנַגְּדִים גְּדוֹלִים** לוּלֵא חֲסָדָיו וְרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים אֲשֶׁר נִצַּלְנוּ מִפַּח יוֹקְשִׁים מִכַּת הַמִּתְנַגְּדִים אֲשֶׁר אִם הָיִינוּ שׁוֹמְעִין לָהֶם חַס וְשָׁלוֹם הָיָה נֶאֱבָד תִּקְוָתֵנוּ חָלִילָה וְכוּ'. עָנָה וְאָמַר כְּמַתְמִיהַּ וְאָמַר, עָלַי הֱיִיתֶם חוֹלְקִים, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, **"אוֹף מִיר וָואלְט אִיהר גִיקְרִיגְט"**.

דער רבי זאגט דאך[כח]: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!". מיט דעם אליין דארף מען זיין 'בשמחה תמיד' - מיט דעם וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן דארף מען זיין 'בשמחה תמיד'.

עס איז דא יונגעלייט, שענערע פון אונז, און רח"ל - זיי זענען מתנגדים, שיינע יונגעלייט, יראי ה' און צדיקים, לומדים און גאונים, און זיי זענען מתנגדים, זיי רעדן וואס זיי רעדן. מיר דאנקען ה' יתברך וואס מיר זענען נישט אריינגעפאלן חלילה אין זייער גורל, ברוך ה'.

אבער אז מען איז שוין יא אויף דעם נאמען - טוהט עפעס! נעמט פון די רפואות! פארוואס זאלט איר נישט נעמען די רפואות?! די רפואות קאסט נישט קיין סאך געלט, עס איז ביליגע רפואות, עס איז נישט קיין טייערע רפואות אויך, עס איז גארנישט קיין שווערע רפואות אויך; אז תעניתים און סיגופים - נישט, איז דאך שוין נישט שווער.

הייסן מאכן תעניתים און סגופים - דאס איז א שווערע רפואה, אבער אז נישט - דאס איז דאך שוין נישט קיין שווערע רפואות. וואס זאגט ער דא? רעד זיך אויס פאר ה' יתברך, שטיי אויף אין דעם עת־רצון - וואס זאגט ער דא? וואס וויל ער דא פון דיר? ער וויל דען פון דיר דו זאלסט דיך קלאפן קאפ אין וואנט? דו זאלסט זיך צאפן בלוט? עס איז דאך ממש אזוי גרינג - וואס וויל ער פון דיר?! נאר, ווייל די זאך איז אזוי פיל פועל און עס איז נוגע צום שורש התיקון, מאכט עס דער בעל-דבר שווער[כט].

## א פארצייטישער רבי'...

אז מען וועט זאגן - 'מען זאגט אזעלכע עצות? דאס איז דאך עצות וואס צדיקים האבן געגעבן צוריק מיט הונדערט-אכציג - צוויי-הונדערט יאר צוריק!?' (- ניין! - נאר) די אייגענע עצות וואס צדיקים האבן געגעבן פריער, גיט דער רבי אונז אויך.

און פארוואס גיט ער אונז דאס? ווייל מיר האבן 'יענעם' רבי'ן, מיר האבן דאך יענעם רבי'ן, גיט ער אונז 'יענע' עצות.

---

[כח] ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' כ"ד.

[כט] עיין שיחות הר"ן אות קמ"א; אות קפ"ה.

ווען מיר זאלן האבן דעם 'איצטיגן' רבי'ן, וואלט ער אונז אויך געזאגט - 'וואס חצות?' 'וואס התבודדות?' 'עס איז נישט שייך פאר איך, פאר פריערדיגע אידן איז דאס געווען שייך'...

אז מיר האבן טאקע א 'פריערדיגן' רבי'ן, גיט ער טאקע די עצות וואס ער האט געגעבן 'פריער'.

נאר וואס דען, מיר דארפן נישט קיין טעות האבן (שכבר אנו כצדיקים הקדמונים); די צדיקים וואס זענען געווען בימי הבעל־שם־טוב, בימי רבינו - זיי האבן געטוהן די עצות - און זיי זענען געווען טאקע גרויסע מענטשן. אבער אונז גיט מען די עצות - ווייל מיר דארפן זיך דא אויסהיילן מיט די עצות. זיי האבן דאס געטוהן - זיי זאלן לויפן אין השגות אלקות, לויפן אין די עולמות. מיר דארפן פשוט האבן די עצות אויף צו זיך אויסהיילן פון די פראסטע גשמיות'ן.

מיר דארפן רעדן צום אויבערשטן דיבורים - פשוט זיך אויסצוהיילן פון גראבע זאכן; מיר דארפן אויפשטיין אין דעם עת־רצון - ווייל מיר דארפן האבן אַן עת רצון אז מיר זאלן געהאלפן ווערן אויף וואס מען דארף געהאלפן ווערן.

דו זאלסט נישט האבן קיין טעות אז ווייל מען גיט דיך אזעלכע עצות, ביסטו שוין אויך יענער - דו ביסט נישט יענער. נאר פארוואס גיט מען דיך די עצות? ווייל דו ביסט אזוי קראנק, אז דו מוזט האבן אזא מין רפואה! אָן די רפואה וועסטו זיך נישט אויסהיילן - מוז מען דיר געבן די רפואה[ל].

אונזערע לייט פלעגן זאגן טאקע; דער רבי ברענגט[לא]: "איך בין א 'נהר המטהר מכל הכתמים'!". פלעגן אונזערע לייט זאגן, דארף מען זיך אויסטוהן און זיך טובל'ען אין דעם טייך.

---

[ל] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל' אות ב': כָּל מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻחָק בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ לְנַפְשׁוֹ רוֹפֵא גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּיוֹתֵר, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּחֲזִיר וִיבַקֵּשׁ תָּמִיד לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לְהָרַבִּי הַגָּדוֹל מְאֹד מְאֹד.

[לא] עיין חיי מוהר"ן אות קפ"ט; אות של"ב.

ווען איז דער 'נהר' מטהר? דער נהר איז א 'נהר המטהר' ווען מען גייט אריין אין דעם טייך און מען טובל'ט זיך. אבער אז איך וויל זיך נישט אויסטוהן, איך וויל בלייבן אזוי אנגעטוהן אזוי שיין, און איך וויל זיך שלאפן אין דעם זמן, און אלעס, טובל'סטו זיך נישט אין דעם טייך.

"איך בין א 'נהר המטהר'". דעם רבי'נס זאך איז אזא מין זאך וואס מען קען זיך באמת אויסרייניגן פון אלע כתמים און זיין אַן איש כשר - נאר גיי אריין אין טייך אריין און טובל זיך! גיי אריין אין די עצות, גיי אריין, טוה די עצות וואס דער רבי זאגט דיר, זיי אַן עקשן אין דער זאך מיט א תמידיות.

היינטיגע ספירה איז דאך "נצח שבנצח" - דאס איז דאך ממש דעם רבי'נס זאך. דער רבי זאגט טאקע[לב]: "וואס מען רעדט אין די ספירה, רעדט מען דאך אלץ פון די ספירה!".

מיר האבן אזעלכע מענטשן געקענט, וואס זיי האבן נישט געקענט דעם רבי'ן, זיי האבן רבי נתן'ען נישט געקענט, זיי האבן אפילו ר' נחמן טולטשינער אויך נישט געקענט, אין די לעצטע יארן, און זיי זענען געווען אזעלכע קדושים, אזעלכע יראי ה', זיי זענען געווען דבוק צום אויבערשטן - א גוואלד.

פון וואנעט האט זיך עס גענומען? נאר דערפון וואס זיי האבן גענומען די עצות, זיי האבן מקיים געווען וואס מען זאגט זיי, זיי האבן געפאלגט[לג].

---

[לב] ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ב: דַּע שֶׁכָּל מַה שֶּׁהָעוֹלָם מְדַבְּרִים בַּסְּפִירָה בְּכָל יְמֵי הַסְּפִירָה, הֵם מְדַבְּרִים רַק מֵהַסְּפִירָה שֶׁל אוֹתוֹ הַיּוֹם, וּמִי שֶׁהוּא מֵבִין יוּכַל לִשְׁמֹעַ וְלֵידַע זֹאת, אִם יַטֶּה אָזְנוֹ הֵיטֵב לְסִפּוּרֵי דִּבְרֵיהֶם יִשְׁמַע שֶׁהֵם מְדַבְּרִים רַק מֵהַסְּפִירָה שֶׁל אוֹתוֹ יוֹם.

[לג] עיין חיי מוהר"ן אות רי"ח: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר לִי בְּוַדַּאי שֶׁיִּהְיֶה כִּרְצוֹנִי כַּאֲשֶׁר רָצִיתִי מִכְּבָר, כִּי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם גָּמַרְתִּי וְאֶגְמֹר כִּרְצוֹנִי בְּוַדַּאי [**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִּיפִירְט אִין וֶועל אוֹיס פִּירְן**]. וְאָמַר **שֶׁכָּל מִי שֶׁיִּגַּע וְיִתְחַבֵּר לְאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ בְּוַדַּאי יִהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת**, וְלֹא אִישׁ כָּשֵׁר בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיק גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁאֲנִי רוֹצֶה. גם עיין שם אות שכ"ב: וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשֵׁי שֶׁיִּהְיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי, אֶלָּא אֲפִלּוּ מִי שֶׁיִּתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמִי, **וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁרַק יִגַּע בָּהֶם**, בְּוַדַּאי יִהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת. וְלֹא אִישׁ כָּשֵׁר בִּלְבַד, כִּי אִם אֲפִלּוּ צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד יִהְיֶה מִי [שֶׁיִּהְיֶה] שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לַאֲנָשִׁים שֶׁלּוֹ.

עס קען דאך נישט זיין אז מיר זאלן נישט טוהן - ער איז דאך א רופא, ער איז דאך דיינער א רופא, אויב ער איז דיינער א רבי, א רופא, דארף מען אים דאך פאלגן וואס ער גיט, וואס ער זאגט.

❖

## מיט הענטשיקעס אויף די הענט

ר' געצע איז געווען א געוואלדיגער ירא ה', א פחד'יגער מענטש, א קראנקער מענטש, און ער איז נפטר געווארן. איז ער געקומען צו ברוכ'ן (ר' ברוך געצע'ס) אין חלום - צום איידעם, און ער האט אים אזוי געזאגט: "ס'מיר נישט שלעכט, **אבער איך האב געקענט מאכן בעסער!**".

"איך האב געקענט מאכן בעסער!".

א קראנקער מענטש געווען, און אזא מין פארכטיגע זאך - זיין דאווענען איז דאך געווען מיט אזוי פיל קולות וברקים! ל"ע - נישט אויף אונז געדאכט - אז עס איז געקומען ווינטער נאך סוכות איז אים די גאנצע הענט פול געווארן מיט בלאטערן, עס האט זיך געגאסן בלוט פון די בלאטערן. האט ער געמוזט גיין דארט מיט הענטשיקעס, ער האט דאך נישט גענומען קיין רפואות[לד]. ער פלעגט נעמען אביסל שמן פון דעם נר תמיד פון רבי'ן, זיך אנשמירן אביסל, דאס האט ער געטוהן.

אז ער איז געגאנגען אין מקוה, האט ער א ריס געטוהן די הענטשיקעס - עס איז געווען צוגעקלעפט... און ער איז געגאנגען אין די קאלטע מקוה... און אנגעטוהן צוריק.

א געוואלד דאס מסירות נפש זיינע. און זיין גיין צום רבי'ן אויפן ציון - א געוואלד! א פייער, א קעסל האט אין אים געברענט! עס האט זיך ביי אים גאר נישט אנגעזעהן קיין שום זאך! מיר האבן געהאט אויף אים רחמנות - א מענטש פול מיט בלאטערן - די גאנצע הענט.

---

[לד] עיין שיחות הר"ן אות נ' מה שרביז"ל היה מרבה לדבר בענין 'להתרחק מהרופאים'.

שבת האט ער דאך נישט געקענט אנטוהן די הענטשיקעס, ווייל ער וועט דאך נישט קענען אויסטוהן, האט ער שבת דאס נישט אנגעטוהן... איי ווי דער איד האט אויסגעארבעט! ווי דער איד האט אויסגעארבעט!

דער רבי זאגט נישט קיינעם קיין שום זאך - 'טוה אזוי', און, עס טוהט זיך... פארוואס? ווייל אז ער גייט נאר אריין אין דעם גארטן אריין, ער גייט נאר אריין לערנען די לימודים, רופט זיך עס שוין ממילא ארויס. אויב עס רופט נישט ארויס, דארף מען דאס אנהענגען אז איך גיי נאך נישט (גענוג) אריין, ווייל ווען איך זאל ווען אריינגיין, וואלט דאס ארויסגערופן. די אלע פרטים וואס זיי ווערן, ווערן, ווייל אז איך ליג אין דעם כלל, גייט ארויס א גוטער פרט.

❖

## התקרבותו של ר' פנחס קיבלישטער ז"ל

דער שווער מיינער (- ר' אהרן קיבליטשער), זיין פאטער ר' יצחק אייזיק איז געווען א מתנגד, ער איז געווען א געהויבענער מענטש אבער א מתנגד. ווען דער שווער איז געווארן מקורב, איז ער אלט געווען צוועלף יאר. ביי די צוועלף יאר איז ער שוין געווארן א חתן(!).

דער פאטער האט א זאג געגעבן עפעס א מין לשון: "ביי מיר וועט ער נישט זיין קיין חסיד!".

"כל זמן איך וועל לעבן וועט ער נישט זיין קיין חסיד!".

און טאקע אזוי, פארנאכט איז ער שוין נפטר געווארן - אין איין טאג...

דער שווער איז דעמאלט נישט געווען אין שטוב. אז ער איז געקומען צו גיין, שוין, ער איז שוין נישטא. פארטיג.

ביי דיר וועט ער נישט זיין? וועט ער זיין אָן דיר...

נו, איז אזוי געבליבן.

דעמאלט איז ר' פנחס (קיבליטשער) אנגעקומען קיין קיבליטש (כדלהלן). האט דער מחותן - דער שווער'ס שווער (- ר' יעקב ישעי') - דער זיידע - אים אהינגעגעבן אלס א תלמיד - ער איז דאך נאך געווען א אינגל פון צוועלף יאר. האט ער עטליכע יאר געלערנט ביי אים. איז ער געווארן וואס ער איז געווארן.

(השואל: ווי אזוי איז ער געווארן מקורב?) דער נאמען פון חסידות איז געווען נאך פריער אויך ביי אים.

אז ער איז שוין געווען א חתן, האט דער שווער - דער זיידע [- איך האב אים געקענט - ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, א איד פון חצות], האט ער אים אוועקגעגעבן צו לערנען ביי ר' פנחס'ן.

(השואל: ר' פנחס איז געווען א מלמד?) אוודאי, ער האט געלערנט מיט קינדער.

קיינער האט דאך נישט געוואוסט אז ר' פנחס האט א שייכות צו ברסלב.

ר' פנחס איז געווען אַן איידעם אין אומאן - אַן אומאן'ער איידעם. זיין שווער איז געווען א ליכט-ציער - ער האט געהאנדלט מיט ליכט דארטן - געמאכט ליכט.

דער ר' פנחס איז געווען אזא מין יונגערמאן, אז דער רבי דוד'ל טאלנער האט אים געהאלטן אז ער זאל רעדן מיט די יונגעלייט אין יראת שמים - ער איז געווען מיוחד צו רעדן מיט די יונגעלייט אין יראת שמים.

ער איז דאך געווען אַן אומאן'ער איידעם, האט זיין שווער געטראכט, 'איך האב דא מיין איידעם, און דא איז דאך דא א ברסלב'ער קלויז, קען ער חלילה ארייננגיין אין קלויז אריין'...

האט ער געהאט מיט אים א שיעור אלע טאג - 'דו זאלסט נישט ארייננגיין אין ברסלב'ער שול', 'דו זאלסט נישט ארייננגיין!'.

זאגט ער (צו זיך) - 'איך גיי דאך נישט, איך גיי דאך נישט, וואס איז דאס אז ער זאגט מיר אזויפיל איך זאל נישט גיין? - לאמיך ארייננגיין זעהן וואס איז דארט'...

האט ער געגעבן א קום אריין, איז ער מקורב געווארן...

נאך אין די אנהויב תר"ל.

דעמאלט איז רבי אברהם ר' נחמן'ס געווען בימי חרפו. האט ער אים געזעהן, האט ער פארשטאנען פארוואס ער איז אריינגעקומען. האט ער אים געזאגט: "יונגערמאן, קומט!". ער איז ארויף מיט אים אויבן אין די ווייבערישע שול און ער האט מיט אים אפגעלערנט דער תורה פון "ט' תיקונין" (- ליקוטי מוהר"ן סי' כ'), מיט דער מראה פון "חיי מוהר"ן" (אות פ"ג) פון "אחד היה שוכב" וכו', און ער האט אים מקרב געווען - איז ער געווארן מקורב.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט א זאג געגעבן א וואָרט: "מיין טאטע וואלט אים נישט געקענט מקרב זיין!" - אזא מין מענטש ווי דער ר' פנחס איז געווען - א גאון א צדיק!

אז מען איז געוואויר געווארן דארטן אז זיי האבן שוין צוגענומען ר' פנחס'ן אויך, האבן זיי אים ממש געוואלט הרג'ענען.

ר' נחמן טולטשינער האט דאס געזעהן, האט ער אים אוועקגעשיקט. עס איז געווען א דארף "סטאפאשיק", עס איז דארט געווען רבי נתן'ס א מענטש - "ר' ישראל סטאפאשיקער", ער איז געווען פון די גרויסע מענטשן פון רבי נתן'ען. האט ער אים געשיקט צו אים מיט א בריוו, ער האט אפגעשריבן ווער ער איז - ער זאל דארטן זיין א שטיקל צייט [- דאס האב איך געהערט פון שווער].

אז ר' פנחס איז אריינגעקומען דארט אין דאָרף אריין, האט ער געזעהן ר' ישראל האט געדאווענט מנחה, און ער האט געזאגט דעמאלט די קטורת, און ער האט געזאגט די ווערטער: "ולמה אין מערבין בה דבש? מפני שהתורה אמרה... מפני שהתורה אמרה... מפני שהתורה אמרה..." - מיט אזא דביקות צום אויבערשטן!

(התפעל:) א איד זאגט קטורת מיט אזא מין דביקות - "מפני שהתורה אמרה"! ער האט אפגעדאווענט מנחה, נאכדעם האט ער אים געגעבן דעם בריוו פון ר' נחמן'ען. (אמר לו ר' ישראל:) "איר וועט זיין ביי מיר און איר וועט לערנען מיט מיינע אייניקלעך".

איז ער געווען ביי אים דארט א שטיקל צייט. דארטן האט ער שוין גענומען אלעס פון ר' ישראל סטאפאשיקער, איז ער שוין געווארן 'מלא וגדוש'.

דערווייל, דער אויבערשטער פירט דאך זיינ'ס, דעם שווער האט מען אוועקגעשיקט - אוועקגעשיקט 'לעלמא דאתי'. און זי נעבעך - די ווייב - האט געזאגט, 'וואס וויל מען פון מיר האבן? איך האב א מאן א צדיק - איך האב נישט וואס צו זאגן אויף אים!' - זי האט געוואוסט ווער ער איז.

קיין אומאן האט ער נישט געוואלט קומען צוריק. איז ער געקומען קיין קיבליטש.

אין קיבליטש האט קיינער נישט געוואוסט ווער ער איז, ער איז געקומען באהאלטן, באהאלטן. געקומען א יונגערמאן. האט מען אים געפרעגט - "וואס זענט איר?" - "איך קען לערן מיט קינדער".

האט ער אנגעהויבן צו לערנען מיט קינדער - האט ער געגעבן די קינדער "א חינוך"! די קינדער זענען געווארן פול מיט יראת ה'! האט יעדער געשיקט צו אים די קינדער - אלע קינדער האבן געלערנט ביי אים. נישט נאר דאס לערנען, נאר דער חינוך זיינער וואס ער האט געגעבן פאר די קינדער. אזוי איז אוועקגעגאנגען עטליכע יאר.

אז ער פלעגט אוועקפארן אויף ראש השנה, פלעגט מען אים פרעגן - "וואו אהין פארט איר?" האט ער געענטפערט א נאמען - 'אזא' נאמען (וכדו'). קיינער האט נישט געוואוסט אז ער פארט קיין אומאן אויף ראש השנה, ער איז געווען פארבאהאלטן אזוי.

ביז דער שווער האט שוין חתונה געהאט, זיי זענען שוין יונגעלייט געווארן. האט ר' פנחס זיך מיישב געווען, מען דארף דאך אמאל דערציילן (דעם סוד). האט ער א זאג געגעבן אזוי: "עס איז געקומען דער זמן איך זאל אויסזאגן דעם סוד - 'הבוחר יבחר, והחדל יחדל'; זאלט איר וויסן - איך בין א ברסלב'ער חסיד, און אלץ וואס איך טוה, דאס נעמט זיך אלץ פון דארט!".

זענען אלע אוועק, נאר זעכצן זענען געבליבן. דער שווער איז אויך געווען איינער פון זיי - דער שווער מיט ר' חיים (קיבליטשער).

ר' פנחס האט שוין נישט געקענט רבי נתן'ען.

דער שווער פלעגט מיך דערציילן - 'עס איז נישטא קיין דיבורים צו רעדן וואספארא מענטש דאס איז געוועזן!'.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: דער שווער האט געהאט פרנסה פון פיש?) **יא, פרנסה פון פיש... מען פלעגט זאגן אויפן שווער, אז ער קומט צום טייך - אנטלויפן פון אים די פיש...**

**דער שווער איז געווען א גרויסער ארעמאן, א גרויסער ארעמאן, אבער א גרויסער ערליכער איד. ער איז געווען א תלמיד ביי ר' פנחס'ן. דער שווער מיינער איז געווען א איד, ער האט געקענט אוועקגיין א זומער טאג אין פעלד פון נאכן דאווענען - און אהיימקומען פארנאכט! א זיבצן-אכצן שעה! ער איז געווען א גרויסער מתבודד!**

**אבער אזוי איז ער געווען זייער א פרייליכער איד, מיט א שמחה, א שפרונג, א טאנץ. אבער אז איך בין דאך געווען אַן איידעם, האב איך געזען ווער ער איז!**

❖

## דעם רבי'נס סוחרים!

**וואס רעדן מיר דא? דער פאבריק האט ארויסגעגעבן אזעלכע מיני כלים, וואס זיי האבן נישט געקענט דעם רבי'ן, זיי האבן נישט געקענט רבי נתן'ען - און זיי זענען געווען אזעלכע אנטיקן! זעהען מיר דאך, ביי דער זאך איז נישט שייך צו זאגן - 'איי, ווען איך וואָלט געקענט דעם רבי'ן - -' די זאך איז נישטא.**

**די געצייג אויף צו מאכן די כלים, האבן מיר![לה] אט די געצייג וואס איז געווען בימי רבינו, בימי רבי נתן, די אייגענע געצייג איז איצטער אויך דא, מיר האבן דאס!**

**דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נעמען די געצייג!**

**"הערט אויף צו זיין ארעמעלייט און הויבט אָן נוצן מיט די אוצרות"[לו] - וועט מען אויך ווערן אַן אוצר!**

---

[לה] עיין חיי מוהר"ן אות שי"א: **אָמַר אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כֵּלִים נִפְלָאִים מְאֹד רַק הַחִסָּרוֹן שֶׁאֲנִי בְּעַצְמִי מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת בְּעַצְמִי אֶת הַכְּלֵי אֻמָּנוּת שֶׁקּוֹרִין גִּיצַייג.** גם עיין עלים לתרופה במכתב של ערשב"ק בלק ת"ר: **כָּל הַמְחַבְּרִים שֶׁל עַכְשָׁו רוֹצִים לְחַזֵּק וּלְעוֹרֵר אֲבָל אֵין לָהֶם כְּלֵי אֻמָּנוּת שֶׁקּוֹרִין גִּיצַייג** וְכוּ'. גם עיין חיי מוהר"ן אות פ"ה: וְהָיָה מְצֻיָּר בְּהַסֵּפֶר כֵּלִים וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ אוֹתִיּוֹת. **גַּם הָיָה בְּתוֹךְ הַכֵּלִים אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַכֵּלִים שֶׁיְּכוֹלִין לַעֲשׂוֹת עַל יָדָם אֵלּוּ הַכֵּלִים. וְהָיָה לוֹ חֵשֶׁק מְאֹד לִלְמֹד אֶת הַסֵּפֶר...**

[לו] לשון בסיפו"מ - מעשה י"ג - בהבעטליר הראשון העוור, עיין שם.

אבער מער פון רעדן קען מען דאך נישט - מען רעדט! דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל גדענקען - וואס מען רעדט פון רבי'ן זאל מען גדענקען.

אין לאדיזין האבן מיר געהאט איינעם א חסיד, ר' אליעזר לאדיזינער. רבי אברהם ר' נחמן'ס האט אמאל גערעדט פון אים - 'מיר האבן אין לאדיזין א חסיד!' - ער האט אים זייער משבח געווען.

איך בין אמאל געווען אין לאדיזין, איך בין געפארן דעמאלט קיין מעזיבוזש, האב איך גענעכטיגט דעמאלט ביי ר' אליעזר'ן אין שטוב. אז איך האב געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס אזא שבח אויף אים - - (- לא רציתי לוותר על ההזדמנות להכירו).

ער איז געווען א גרויסער סוחר - א 'סיטון' (- האָלסעילער). אז ער איז געקומען פון קלייט, נאך מעריב אהיימגעקומען, (שמח לראות אותי:) "אה, פון אומאן א יונגערמאן!" האב איך געגעסן צוזאמען מיט אים נאכטמאל - דאס איז געווען תרע"ה ווינטער. האט דער איד געבענטש א בענטשן, מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן! א איד א סוחר, א סיטון - בענטשט מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן!

איך האב געהערט אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אים זייער משבח געווען, האב איך פארשטאנען אז ער איז א כלי!

דערנאך האט ער מיר אליין אויסגעבעט דעם צימער, עס איז דארט געווען א גרויסער שניי, א פראָסט, קאלט. איך גיב א קום אריין ביי דער צייט פון חצות, זעה איך ווי ער זיצט שוין אין א ווינקאלע, ער האט שוין אפגערעכט חצות, מיט א פאַק מיט ספרים.

איידער ער איז געגאנגען שלאפן האט ער מיר געזאגט: "איידער דו פארסט אוועק מארגן, קום אריין צו מיר אין קלייט אריין!". גיי איך צו אים מארגן, נעמט ער א פעקל געלט - "דאס זאלסטו געבן ר' שמשון'ען, דאס זאלסטו געבן ר' געצע'ן, דאס זאלסטו געבן 'דעם'" - א גאנצער פאק מיט צדָקות צו צעטיילן.

דער רבי האט "סוחרים" אויך!

**א מעשה איז דא פון דעם פנקס פון אוסטראה[לז], ענדיגט זיך די מעשה: "אט דאס זענען געווען אוסטראה'ער סוחרים, אט דאס זענען געווען אוסטראה'ער פרנסים!"** [- דער רבי האט דאס דערציילט דער טאכטער].

**אט דאס זענען געווען "אונזערע" סוחרים! אזעלכע סוחרים האבן מיר געהאט, סוחרים צו בענטשן מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, מיט חצות, דאס איז די סוחרים אונזערע! דאס איז דעם רבינ'ס סוחרים![לח]**

**דער תירוץ איז, אז מען לייגט אוועק דער כלי אויף זיך, ארבעט זיך אויס, ארבעט זיך אויס[לט].**

❖

## "אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר"

(השואל: וואס הייסט "שימוש" וואס עס שטייט אין תורה כ"ב וואו דער רבי זאגט: "ולבא לבחינת בשר הוא על ידי השימוש"?) **וואס מיינט דער רבי 'שימוש'? אונזערע לייט פלעגן אזוי זאגן דא, "פשיטות" איז "שימוש", יעדער איינער זאל זעהן אז דורך אים זאל ווערן נתגדל דעם רבי'נס נאמען, ער זאל מהדר זיין דעם רבי'נס נאמען.**

**מען רעדט נישט חלילה אז דער מענטש זאל טוהן עפעס א זאך נישט כהוגן - דאס איז מבזה דעם רבי'ן, ווייל מען זאגט - 'אה, דאס איז ברסלב'... נאר א מענטש זאל זיך פירן ווי מען דארף, "שיהא שם שמים מתאהב על ידך"[מ].**

---

[לז] עיין שיש"ק (חדש) ח"א אות תקכ"ח-תקכ"ט.

[לח] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן - אות ל': **וְכֵן אַנְשֵׁי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁבַּאֲנָשָׁיו** כְּמוֹ - - - וּשְׁאָר אַנְשֵׁי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁהָיוּ מְקֹרָבִים אֶל אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל, **רֻבָּם כְּכֻלָּם הָיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וִיקָרִים וְנַפְשָׁם נִכְסְפָה גַּם כָּלְתָה לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** וְקָבְעוּ עִתִּים לְתוֹרָה וְלִתְפִלָּה כָּל אֶחָד כְּפִי יְכָלְתּוֹ וְאֶפְשָׁרוּתוֹ וּלְבָאֵר עַל הַכְּתָב הַמַּעֲלוֹת וְהָעֲבוֹדוֹת שֶׁל כָּל אֶחָד יִקְצְרוּ הָמוֹן יְרִיעוֹת לְסַפֵּר, אַשְׁרֵי לָהֶם.

[לט] מלשון סיפורי מעשיות - מעשה י"א - מבן המלך ובן השפחה שנתחלפו.

[מ] גמ' יומא פו.

"פשיטות" מיינט מען טאקע "שימוש", לערנען אסאך דעם רבי'נס ספרים - אט דאס איז דער עיקר שימוש, גיין מיט די עצות, זען צו רעדן אסאך פונעם רבי'ן - מיט דעם איז מען משמש דעם רבי'ן.

ר' נחמן טולטשינער פלעגט זיך אונטערשרייבן: "אני נחמן המשמש בקודש" - אזוי האט ער זיך גע'חתמ'ט.

וואס איז ר' נחמן געווען? זייער אסאך גערעדט פון רבי'ן!

דער שווער פלעגט פארן אפט צו ר' נחמן'ען, ר' נחמן האט אים זייער ליב געהאט ווייל ער איז געווען זייער א פרייליכער, ער האט זייער געמאכט פרייליך. ר' נחמן האט זייער ליב געהאט דעם שווער, ער פלעגט אלץ דערציילן - 'ער פלעגט פארן צו ר' נחמן'ען'.

דער עיקר 'משמש זיין דעם רבי'ן' איז מיטן לערנען דעם רבי'נס ספרים.

איך האב געהערט פון ר' אהרן ליפאוועצקער. די טאכטער זיינע האט געוואוינט אין אומאן, זי איז געקומען ביי מיר אין שטוב אריין. ר' אהרן ליפאוועצקער איז געווען פון די גרויסע מענטשן פון רבי נתן'ען, ער איז געווען גאר א געוואלד. האט ער א פרעג געגעבן ר' נפתלי'ן: "רבי נפתלי, איר האט דאך עפעס געהערט פון רבי'ן וועגן משיח'ן - וואו האלט עס?"

זאגט ער אים מיט א הקפדה: "לערנסטו אסאך דעם רבי'נס ספר? אזוי האבן מיר מקובל פון דעם רבי'ן, אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר, זאל מען זיך רעכטן!".

לערנסטו עפעס אסאך דעם רבי'נס ספר?

אט דאס איז דער עיקר שימוש וואס מיר זענען אים משמש, מען לערנט זיינע ספרים, לערנען דעם רבי'נס ספרים.

**רבי נתן זאגט דאך דארטן[מא]: "וואויל איז דער וואס זיינע מוחין זענען משוטט אין דעם רבי'נס דיבורים!". מען גייט ארום און מ'טראכט ווי דער רבי טייטשט איין אזא מאמר, אזא פסוק, אט דאס הייסט - 'איך בין אים משמש' - אט דאס איז דער עיקר 'שימוש לאחר הסתלקותו'.**

**מען איז דאך מיט זיינע סחורות! מיט וואס איז איינער משמש יענעם? מען נעמט יענעמ'ס סחורה - און צעפּאַקוועט** (- אויספּאַקן) **זיי, ער ווייזט ארויס די עקן[מב]. וואס קען מען איצטער משמש זיין דעם רבי'ן? נאר נעמען זיינע סחורות!**

**דער רבי זאגט דארט ווייטער[מג], "דורך שמחה קומט מען דערצו".**

**פראסטע מענטשן - אזא איד ווי ר' נחום שוסטער - ער איז געווען ממש א הייליגער מענטש! ער איז געווען ר' נחמן'ס א ברודער - יאסעלע** (שוכמאכער'ס, זיידע) **- זיינער א ברודער. ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט ביי אים האבן אַן אכסניא, ביי אים איז ער איינגעשטאנען. זעהען מיר דאך ארויס, אונזערע מענטשן, אפילו פראסטע מענטשן, ער האט געמאכט גוט, ער איז אוועק אַן איש כשר, ער איז אוועק אַן איש קדוש - 'אשרי לו ואשרי חלקו'!**

❖

[מא] חיי מוהר"ן אות פ"ג: כִּי הוּא זְכוּת גָּדוֹל לְהָאָדָם כְּשֶׁזּוֹכֶה שֶׁיִּהְיוּ מַחְשְׁבוֹתָיו מְשׁוֹטְטוֹת בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו.

[מב] עיין חיי מוהר"ן אות שע"ה: עָנָה וְאָמַר, אֶתְמוֹל הִנַּחְנוּ וְסִדַּרְנוּ הַסְּחוֹרָה שֶׁלָּנוּ [שֶׁקּוֹרִין קְרָאם] בָּרוּךְ הַשֵּׁם הִיא סְחוֹרָה יָפָה מְאֹד מְאֹד. וְטוֹב הָיָה שֶׁיִּהְיֶה לַחֲנוּת זֶה **מְשָׁרֵת טוֹב וְיָפֶה** שֶׁיָּכוֹל לְהַנִּיחַ וּלְקַפֵּל וּלְסַדֵּר כָּל חֲתִיכָה סְחוֹרָה יָפֶה יָפֶה **עִם הַקָּצֶה לַחוּץ** (כְּדֶרֶךְ הַמְשָׁרְתִים הַמֻּבְחָרִים שֶׁמְּקַפְּלִין הַסְּחוֹרָה וּמַנִּיחִין קְצָת לַחוּץ כְּדֵי שֶׁיִּרְאֶה הַקּוֹנֶה בְּבוֹאוֹ תֵּכֶף מַהוּת יוֹפִי הַסְּחוֹרָה), וּכְשֶׁיָּבוֹא אֶחָד לִקְנוֹת אֵיזֶה סְחוֹרָה יוּכַל הַמְשָׁרֵת לַחֲטֹף מִיָּד בִּזְרִיזוּת אוֹתוֹ הַמִּין סְחוֹרָה שֶׁצָּרִיךְ הַקּוֹנֶה, וְיִפְתַּח אוֹתוֹ בִּמְהִירוּת לִפְנֵי הַקּוֹנֶה וְיִהְיֶה מַרְאֶה לוֹ מִיָּד הוֹד יוֹפִי פְּאֵר הַסְּחוֹרָה הַטּוֹבָה הַזֹּאת. וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן שֶׁצְּרִיכִין אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה בָּקִי הֵיטֵב מְאֹד בְּכָל תּוֹרוֹתָיו שֶׁגִּלָּה שֶׁיּוּכַל לְסַדֵּר כָּל תּוֹרָה יָפֶה יָפֶה עִם הַקָּצֶה לַחוּץ. וּכְשֶׁיָּבוֹא אֶחָד וְיִרְצֶה לְהִתְקָרֵב וּלְדַבֵּר מִתּוֹרָתוֹ יוּכַל לְהוֹשִׁיט לוֹ מִיָּד אֵיזֶה תּוֹרָה שֶׁהוּא צָרִיךְ אָז כְּפִי עִנְיָנוֹ. כִּי כָּל תּוֹרוֹתָיו הֵם כְּלָלִיּוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד שֶׁיְּכוֹלִין לִמְצֹא בָּהֶם מַה שֶּׁצָּרִיךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד, רַק צְרִיכִין אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה בָּקִי בָּהֶם הֵיטֵב שֶׁיּוּכַל לְהוֹשִׁיט לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מַה שֶּׁצָּרִיךְ בְּאוֹתָהּ הָעֵת. וְהָבֵן הַשְּׁאָר מֵאֵלֶיךָ.

[מג] בליקו"מ סי' כ"ב הנ"ל אות ט'.

# זיך אוועקגעבן א-י-נ-ג-א-נ-צ-ן!

זעהט מען דאך, אין דעם רבי'נס זאך איז נישט שייך צו זאגן - 'דער יא און דער נישט' - דאס איז נישטא! לייג אוועק דער כלי אויף זיך, וועסטו שפילן דעם שיינעם ניגון. נאר ווארף נישט אראפ דער כלי, לאז זי ליגן אויף זיך - וועסטו שפילן.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, (למה על בהמה דווקא מתחיל הכלי לנגן?) ווייל אז מען לייגט דער כלי אויף א בהמה, ליגט זי. אבער א מענטש גיט א ווארף דער כלי פון זיך...

האלט אויף זיך דער כלי, וועסטו שפילן דעם שיינעם ניגון.

דארט אין דער מעשה ווייזט זיך אויס, ער (- איש היער) האט אים אוועקגעגעבן דער כלי. שפעטער האט אים איינער געזאגט: "וואס וועסטו מאכן מיט דער כלי? דו וועסט נעמען א גילדן דערפאר? איך וועל דיך אויסלערנען צו זיין א 'מבין דבר מתוך דבר'!" האט ער אים אוועקגעגעבן דער כלי.

קומט אויס - אז מען לערנט דער מעשה - האט ער שוין נישט געהאט די כלי, ער האט אים אוועקגעגעבן דער כלי.

דער רבי דערציילט אבער ווייטער, אז ער האט געזעהן אז אין דעם האלץ פון דעם שטול איז דא (די זעלבע האָלץ) פון דער האלצערנער כלי. האט ער דאך יא געהאט דער כלי גוט.

פלעגן אונזערע לייט אזוי לערנען, די "כלי" דאס איז דעם רבי'נס זאך. נאר אז מען איז א 'מבין דבר מתוך דבר', מאכט מען נישט מיט דער כלי קיין קאמעדיע. אז נישט קען מען מאכן מיט דער כלי א קאמעדיע.

וואס וועסטו טוהן מיט דער כלי? דו וועסט מאכן מיט איר א קאמעדיע? דו וועסט נעמען א גילדן?! האט ער אים געזאגט - דער מענטש פון דעם פערד - 'גיב מיר אוועק דער כלי!'.

נישט אז אויב ער גיט אוועק דער כלי - האט ער שוין נישט די כלי, נאר אז ער וועט ווערן א 'מבין דבר מתוך דבר' וועט ער האבן די כלי און ער וועט נישט מאכן מיט איר קיין קאמעדיע.

דאס איז דער פשט דא; אויב ער איז נישט קיין 'מבין דבר מתוך דבר', האט ער די כלי און ער מאכט מיט איר א קאמעדיע. אבער א 'מבין דבר' וועט שוין נישט מאכן קיין קאמעדיע - קען ער שוין צונויפשטעלן דער שטול - אט דאס איז דער אמת'ער בן מלך.

האט ער אים געזאגט, 'דו זאלסט וויסן, אז דו האסט די כלי און דו וועסט נישט זיין קיין 'מבין דבר מתוך דבר', זאלסטו וויסן - וועסטו מאכן מיט איר א קאמעדיע'.

אין דעם רבי'נס זאך קען מען זאגן שיינע תורות, ער קען מאכן א קאמעדיע, וועסטו נעמען דערפאר א גילדן - מען קען דאס טוהן, א שיינע זאך, מען קען זאגן שיינע תורות - וועסטו נעמען א גילדן. אבער אז דו וועסט זיין א 'מבין דבר', וועסטו שוין נישט מאכן קיין קאמעדיע.

"גיב מיר אוועק די כלי" - דאס איז 'מסירות נפש'! גיב מיר אוועק דיינע (השגות)!

רבי נתן ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן האט ער אוועקגעלייגט זיך אינגאנצן. ער האט געזאגט: "איך וויים ג-א-ר-נ-י-ש-ט!"

"איך גיב זיך אוועק א-י-נ-ג-א-נ-צ-ן!"[מד].

איך וועל דיך אויסלערנען, דעמאלט וועסטו שוין וויסן וואספארא כלי דאס איז, וועסטו שוין נישט מאכן קיין קאמעדיע.

'אוועקגעבן דער כלי', דאס מיינט, ער גיט אוועק אלע זיינע כשרונות, אלעם גיט ער אוועק - 'איך וויים גארנישט'! וואס איך הער עפעס א ווארט - דאס איז מיין מח, דאס איז ער אינגאנצן, ער גיט זיך אוועק אינגאנצן!

נאכדעם לערנט ער אים אויס, ווייסט ער שוין אז די שטול האט א שייכות צו דער כלי, ער דערקענט באלד דעם סוד פון דער שטול, ער איז א 'מבין דבר מתוך דבר'.

'מבין דבר מתוך דבר' - דאס איז דער 'שער החמישים', דער שער הנו"ן.

---

[מד] עיין שיש"ק (החדש) ח"ב, אותיות קמ"ו-קמ"ז.

און ווער וועט טאקע צונויפנעמען דער שטול? דאס וועט נאר זיין דער וואס האט משיג געווען דעם שער הנו"ן, ער וועט צוריק צונויפנעמען דער שטול, דעמאלט וועט טאקע זיין "והיה ה' למלך", דער אמת'ער בן־המלך - ער וועט זיין מלך, ער וועט זיין דער בן־המלך, "והיתה לה' המלוכה"[מה].

אבער אפילו דעמאלט מוז ער אויך האבן אזא מין סארט מסירות נפש, אוועקגעבן אינגאנצן זיך - 'אלע מיינע כשרונות גיב איך אוועק - וואס איך הער עפעס א ווארט'.

'מבין דבר', דאס איז דער יסוד פון 'בינה'. ער גיט זיך אינגאנצן אוועק, נאר ער זאל פארשטיין דעם אמת'ן פארשטאנד - דאס איז עס, ווייטער גיב זיך אוועק אינגאנצן.

## אים וועט מען פאלגן!

עס קומט דארט אויס פון דער מעשה, אז ער האט אים באלד אויסגעלערנט (להיות 'מבין דבר מתוך דבר').

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט רעדן, דאס גייט אויף די דורות. יעדע מעשה וואס דער רבי דערציילט, אנהויבן הויבט זיך עס אָן משנים קדמוניות, און ענדיגן וועט זיך דאס ענדיגן ביי משיח'ן.

די אלע מעשיות וואס דער רבי דערציילט, ביי דער מעשה פון דעם "בן המלך", ווען איז געווארן דער 'כסא' גאנץ און עס וועט ווערן די 'מלכות'? ווען משיח וועט קומען!

ביי דער מעשה פון דעם "בערגער ועני". דער רבי דערציילט דארטן, ער איז געווארן צוריק דעם בערגער'ס זון. ווען איז דאס געווארן? אז משיח וועט קומען, דעמאלס וועט ווערן דער תיקון.

ביי דער מעשה פון דעם "בעל תפלה". דער מלך וועט אפזוכן די אלע מלך'ס לייט, און דוד המלך וועט צוריק ווערן - דאס אלץ וועט זיין ווען משיח וועט קומען.

---

[מה] עיין חכמה ותבונה על מעשה זו אות ג'.

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[מו]: "**פון מיר ביז משיח'ן וועט נישט זיין קיין נייעס; נאר איין זאך וועט זיין - מיר וויל מען נישט פאלגן, און אים וועט מען פאלגן!**".

קומט אויס פון דעם רבי'נס דיבורים, משיח וועט נישט געבן קיין נייע עצות - קיין נייע עצות איז גאר נישטא צו געבן. א מענטש אז ער האלט די עצות פון דעם רבי'ן, ער איז זהיר אין התבודדות, ער איז זהיר אין חצות, ער איז זהיר אין די ספרים, אין די אלע זאכן - מער קיין עצות איז נישטא.

וואס איז געווען אין דער צייט פון בעל שם הקדוש? וואס האט דער בעל שם גערעדט מיט זיין חברייא? וואס האט ער גערעדט מיט זיי? אריינלייגן כוחות אין דאווענען, געווען אין די פעלדער, התבודדות, דערפון איז אויסגעוואקסן וואס זיי זענען אויסגעוואקסן!

אז משיח וועט זאגן: "א איד דארף האבן התבודדות" - וועט ער האבן - אזוי ווי תפילין לייגן![מז] זיין זאגן וועט זיין געזאגט! אים וועט מען פאלגן!

נאר אז דער רבי זאגט - וויל מען אים נישט פאלגן! אבער מיר זאגן דאך יא אז דאס איז אונזער רבי, דארפן מיר פאלגן!

## וואס ביסטו אזוי אפגעלאזט?

מיר קענען לעבן א שיין לעבן, מיר האבן ברוך ה' מיט וואס, מיר האבן אוצרות! "הערט אויף צו זיין ארעמעליט און הויבט אָן ניצן מיט אייערע אוצרות!".

מיר קענען לעבן א שיין לעבן!

---

[מו] עיין שיחות הר"ן אות קס"ו; חיי מוהר"ן אות רס"ו; גם עיין כוכבי אור - סיפורים נפלאים אחר מעשה א'.

[מז] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן - דיבורים ממוהרנ"ת אות ט': דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מֵהַדֶּרֶךְ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה שֶׁגִּלָּה אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל וְאָמַר אָז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁיִּהְיֶה הַדֶּרֶךְ הַזֶּה דֶּרֶךְ כְּבוּשָׁה לָרַבִּים (כְּמוֹ עַכְשָׁו הִיא דֶּרֶךְ כְּבוּשָׁה לָרַבִּים לְהַנִּיחַ טַלִּית וּתְפִלִּין בְּכָל בֹּקֶר).

רבי נתן האט דאך א זאג געגעבן פארן הסתלקות[מח]: "איר זענט 'שלימזל'ניקעס'!". 'שלימזל'ניקעס' איז אַן אוקריייניש ווארט. דאס הייסט - אַן אפגעלאזטער. ער האט א גוטן מלבוש - און ער גייט אפגעריסן... אַן אפגעלאזטער.

א שלימזל'ניק איז נישט קיין בעל־עבירה צו וואס, נאר עפעס אַן אפגעלאזטער. 'טוה דיך אָן א בגד, פארוואס גייסטו אפגעריסן? דו האסט א שיינעם מלבוש, פארוואס גייסטו אזוי אפגעלאזט?' - אט דאס איז "שלימזל'ניקעס".

אז איר האט דעם רבי'ן, איר האט די עצות, און איר האט דאס אלעס - ווער שמועסט נאך - איצטער. אמאל, אין מיינע צייטן איז אין אומאן געווען צוויי מענטשן וואס האבן געהאט אלע ליקוטי הלכות'ער, נישט מער! אז מען האט געוואלט א ליקוטי הלכות, האט מען געדארפט בארגן ביי אים און איינלייגן אַן אנדער ספר. היינט איז דאך דא ברוך ה' אין יעדער שטוב עטליכע, ווער האט נישט קיין ליקוטי הלכות?!

ליקוטי מוהר"ן'ס - עס איז דא גרויסע און קליינע, אלע סארטן, און די אנדערע ספרים - שיין איינגעבונדן. דער חיי מוהר"ן איז דאך א שיינקייט צו קוקן. דער חיי מוהר"ן איז געווען בלעטלעך און צעריסן, געקלעפט, ווער האט דאס געזעהן פאר די אויגן?! ברוך ה', עס איז דאך היינט אסאך גרינגער.

אין אומאן אז מען האט געוואלט א מקוה איז געווען מסירות נפש, אייז-קאלט, אָן א דאַך. היינט ברוך ה' איז דא מקואות, ווארעמע מקואות, אלעס; וואס האסטו נישט?!

אפילו מען האט געהאט דעם רבי'נס ציון, אבער אז עס איז געקומען א ווינטער איז געווען מסירות נפש גיין צום רבי'ן אויפן ציון. מיר פלעגן דאך גיין פון דער זייט, נישט פון דארטן פון פושקינא. עס איז געווען אראפ א טאל און ארויף א טאל, עס איז געווען א געוואלד צו גיין ווינטער, א שניי, א פראסט, א גליטש, איין אויסגאָס - אז מען גיט זיך א קאטשע אראפ - - מען האט געדארפט ארויפגיין ארויף אויף די הענט און פיס.

---

[מח] עיין במכתב הסתלקות מוהרנ"ת, מה שאמר קודם הסתלקותו: וְכָךְ אָמַר: צְרִיכִים אַתֶּם לְהַחֲזִיק אֶתְכֶם בְּיַחַד בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה, וְאַתֶּם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, אֶלָּא שֶׁאַתֶּם שְׁלֵימִיזַלְנִיקֶים.

ארויף צוריק האט מען זיך אנגעכאפט אויף די הענט און פיס - עפעס אזוי איז מען געגאנגען...

ווער שמועסט נאך ביינאכט ביי חצות, אין דער פינסטער, עס איז גליטשיג, ער פאלט, ער קלאפט זיך...

און מען איז געגאנגען!

איז דאך דארטן אפילו דעם רבי'נס ציון וואס עס איז געווען - איז אויך נישט געווען אזוי - 'אט גיי איך - איך בין שוין דארט'... מען האט געדארפט האבן מסירות נפש ארויפצוקומען צום רבי'ן אויפן ציון. קיין שום זאך איז נישט געווען אזוי גרינג - פונדעסטוועגן זענען געווען אידן וואס זענען אלע נאכט געווען.

דא איז דאך ברוך ה' - מען רעדט דאך די עבודות וואס מען קען דא טוהן, מיר האבן אזעלכע אוצרות, א רבי'ן, מיט אזעלכע ספרים, פארוואס זאלן מיר טאקע זיין אזעלכע שלימזל'ניקעס, אפגעלאזט? די בושה איז געוואלדיג דארטן!

דארטן אין "תפילה כ"ב" - רבי נתן ברענגט דארטן - 'ווי אזוי וועל איך זיך שעמען פאר מיינע חברים און פאר מיינע רבי'ס'. פאר די חברים וועט מען זיך אויך דארטן שעמען; חברים, געוועזן צוזאמען, און יענער איז עפעס נענטער. דארטן איז דאך נישטא קיין גרעסערער תענוג ווי דאס אז ער איז נענטער צום אויבערשטן. אט דער תענוג וואס א מענטש איז נענטער צום אויבערשטן דארטן, דאס איז דאך דער גרעסטער תענוג וואס עס איז שייך צו האבן אין דער וועלט. און יענער איז דאך מיינער א חבר, האב איך דאך געקענט זיין גלייך מיט אים - פארוואס איז ער נענטער פון מיר?! וועל איך זיך שעמען פאר מיינע חברים - דארטן אין דער תפילה.

דער צער הבושה איז א געוואלד![מט]

[מט] עיין בלשון התפילה שם: אַתָּה לְבַד יָדַעְתָּ שֶׁאֵין צַעַר וְעִנּוּי וְיִסּוּרִין בָּעוֹלָם נֶחֱשָׁבִים כְּלָל כְּנֶגֶד הַצַּעַר שֶׁל הַבּוּשָׁה הַזֹּאת חַס וְשָׁלוֹם, וַאֲפִלּוּ צַעַר גֵּיהִנָּם הַקָּשֶׁה וָמַר מִכָּל מִינֵי יִסּוּרִין קָשִׁים וּמָרִים שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה אֲשֶׁר אִם יִתְקַבְּצוּ יַחַד כָּל מִינֵי יִסּוּרִים וְעִנּוּיִם קָשִׁים וּמָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, עַל אָדָם אֶחָד, חַס וְשָׁלוֹם, כָּל יְמֵי חַיָּיו חָלִילָה, לֹא יִהְיוּ נֶחֱשָׁבִים מְאוּמָה כְּנֶגֶד שָׁעָה אַחַת וַאֲפִלּוּ כְּנֶגֶד רֶגַע אַחַת שֶׁל צַעַר שֶׁל גֵּיהִנָּם וְאַף-

ווער שמועסט טאקע אז דער חבר איז גאר שיין, און פון וואנעט טאקע? פון דאנעט! האב איך דאך אויך געהאט דאס, פארוואס האב איך דאס נישט גענומען?!

❖

ווען דער רבי האט אנגעהויבן דער תורה כ"ב, זאגט רבי נתן[נ], האט דער רבי אנגעהויבן מיט דעם אז דער 'גן־עדן מיט דער גיהנום זענען אין דעם עולם', און צום סוף האט ער געענדיגט פון "חותם בתוך חותם". דער רבי האט אנגעהויבן פון 'גן עדן מיט גיהנום', און מיט דער 'צער הבושה'.

דארטן, די בושה איז - געוואלד-געשריגן! "שלא אבוש - בעולם הזה, ולא אכלם - לעולם הבא"; 'דא' הייסט עס 'בושה' - 'דארטן' הייסט עס 'כלימה'[נא].

נו, ענדיגן דארף מען ענדיגן מיט שמחה - 'ברוך ה' וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן!'

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך דערנענטערן, זיין אביסל נענטער, און מער ניצן זיך מיט דער זאך.

---

**עַל-פִּי- כֵן אֲפִלּוּ צַעַר שֶׁל גֵּיהִנֹּם הַקָּשֶׁה אֵינוֹ נֶחְשָׁב כְּלָל כְּנֶגֶד צַעַר הַבּוּשָׁה!** שֶׁהוּא צַעַר גָּדוֹל מִכָּל מִינֵי צַעַר וְיִסּוּרִים שֶׁבָּעוֹלָם, וַאֲפִלּוּ מִצַּעַר גֵּהִינֹּם, כַּאֲשֶׁר גִּלּוּ לָנוּ צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים.

[נ] חיי מוהר"ן אות י"ג.

[נא] עיין שערי תשובה שער הראשון אות כ"ב: וְעִנְיַן הַהַכְלָמָה, הַהַרְגָּשָׁה בְּבוּשָׁה וְהִשְׁתַּנּוּת זִיו פָּנָיו, כָּעִנְיָן שֶׁנֶּאֱמַר (ירמיה נא, נא) כִּסְּתָה כְלִמָּה פָּנֵינוּ. וּבְכָל מָקוֹם תִּרְאֶה **הַכְּלִמָּה נִזְכֶּרֶת אַחַר הַבּוּשָׁה, כִּי הִיא יְתֵרָה מִן הַבּוּשָׁה,** (ירמיה יד, ג) בֹּשׁוּ וְהָכְלְמוּ, (ירמיה לא, יח) **בֹּשְׁתִּי וְגַם נִכְלַמְתִּי.**

## לזכרון בהיכל ה׳

**מו״ה יצחק יעקב ב״ר מרדכי הלוי ע״ה**
**נלב״ע י״ד ניסן תשפ״ג**

**מרת פיגא רבקה בת ר׳ חיים צבי ע״ה**
**נלב״ע ז׳ מנחם אב תשפ״ב**

**מרת רוחמה שרה ע״ה בת ר׳ יצחק הי״ו**
**נלב״ע י״ב שבט תשע״ט**

**מו״ה יעקב ב״ר שמואל הכהן ע״ה**
**נלב״ע י״ג אייר תשפ״א**

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **יואל** ב"ר יצחק
**פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבן למזל טוב

מו"ה **אברהם ישעי'**
**מאליק** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת נכדו אצל בנו ר'
מאיר שמחה יואל נ"י למז"ט
ולע"נ אביו הגה"צ ר' אהרן
זאב ב"ר בן ציון זצ"ל

מו"ה **יהושע כ"ץ** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **ישראל נחמן**
**שימענאוויטש** הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בנו החה"ח מאיר נ"י
למזל טוב

מו"ה **חיים שפיטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **יעקב אילאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדות התאומות למזל טוב

מו"ה **יואל מאשקאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **שלמה יעקב**
**לויפער** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **יצחק משה**
**גאלדבערגער** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בתו עב"ג החה"ח
יוסף מנחם כ"ץ
למזל טוב
החתונה תתקיים יום א' בשלח
באולם תפארת עלקא - מאנסי

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון**
**בן מינדל**
לרפו"ש